Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.
NAJER FOLKSBLAT
פרייז 15 גראשען
היינט 10 זייטען

נייער פאלקסבלאט

№ 23 | Łódź, Sroda 27 stycznia 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, מיטוואך, י"ט שבט תרצ"ב | № 23
Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

טראמוואי-שטרייק אויף א טויטען פונקט

היינט קומט צו פאהרען א פארשטעהער פון ארבייטס-מיניסטעריום. — שטורמישע פערזאמלונג פון די שטרייקענדע. — מיטגלידער פון קלאסען-פעראיין און „פראצא" פערלאזען די פערזאמלונג. — די אונטערהאנדלונגען ביים ארבייטס-אינספעקטאר זאלען היינט בענייט ווערען

(2) אַ גרויסער טייל פון די שטרייקענדע טראַמוויי-אַרבייטער האָבען זיך געווענדעט צום קלאַסען-פעראיין פון די אַרבייטער און אינסטיטוציעס פון עפענטליכען געברויך און צום פעראיין „פראַצאַ" וועגען דעם, אַז זיי זענען

נישט צופרידען מיט'ן שטרייק-קאָמיטעט

וועלכער הויבט נישט אָן קיין אונטערהאַנדלונגען מיט דער טראַמוויי-דירעקציע און בעט דערייבער די פערוואַלטונגען פון די דערמאָהנטע פעראײנען, אַז זיי זאָלען אָנהויבען די אונטערהאַנדלונגען, צוליב דעם איז נעכטען 1 אַ זייגער צונויפגערופען געוואָרען אַ זיצונג פון בײדע פערוואַלטונגען, די אונצופרידענע שטרייקענדע אַרבייטער האָבען ערקלערט, אַז זיי גיבען איבער די פעראײנען צו פיהרען די אַקציע און זיי וועלען נישט האָבען קיין שום פרעטענציעס, ווי אַזוי די פעראײנען וועלען פערענדיגען די אונטערהאַנדלונגען מיט דער דירעקציע.

צוליב דעם האָט דער קלאַסען-פעראיין און „פראַצאַ" זיך

געווענדעט צום ארבייטס-אינספעקטאר

אינזש. וואַיטקעוויטש, אַז ער זאָל צונויפרופען אַ קאָנפערענץ מיט דער טראַמוויי-דירעקציע.

די קאָנפערענץ ביים אַרבייטס - אינספעקטאָר האָט זיך אָנגעהויבען 5 אין אָוונט, מצד דער דירעקציע איז אנוועזענד געווען דער וויצע-דירעקטאָר רינג.

דער אינספעקטאָר עפענענדיג די קאָנפערענץ האָט אָנגעוויזען, אַז די אינסטרוקציע פון אַרבייטס-מיניסטעריום איז געווען אַזאַ, אַז די טראַמוויי-אַרבייטער זאָלען נישט אַרבייטען קיין איבערשעה'ן, נאָר אויף דעם אָרט זאָלען צוגענומען ווערען אַרבייטס-לאָזע. די טראַמוויי-דירעקציע האָט געוואָלט די דאָזיגע אינסטרוקציע אויספיהרען, אָבער די טראַמוויי-אַרבייטער זענען נאָכגעגאַנגען דעם בײשפּיל פון זייערע וואַרשאָווער חברים און דערפיהרט דעם קאָנפליקט ביז צו אַ שטרייק.

דאַן האָט גענומען אַ וואָרט דער דירעקטאָר רינג, וועלכער האָט געזאָגט, אַז ער איז גאָר נישט געקומען אויף קיין קאָנפערענץ, ער האָט ערקלערט, אַז

די שטרייקענדע זענען שוין נישט קיין ארבייטער פון דער טראמוויי-דירעקציע

ווייל זיי אַליין האָבען איבערגעריסען דעם אָפּמאַך און מוזען טראָגען דערפאַר די קאָנסעקווענצען, די טראַמוויי-דירעקציע האָט געטון דאָס צו וואָס זי איז געווען פערפליכטעט.

דער פרעזעס פון קלאַסען פעראיין מאַרטשיניאַק האָט דעריויף פאָרגעשטעלט די פאָסטולאַטען פון די אַרבייטער, ער האָט פערלאַנגט, אַז די קינדיגונג זאָל אָפּגעלעגט ווערען ביז'ן 1. אָקטאָבער 1932, ס'זאָלען נישט אָנגעווענדעט ווערען קיין רעפּרעסיעס געגען די שטרייקענדע און אַז די דירעקציע זאָל צוריק ציהען איהרע בעקאַנטמאַכונגען פון 9. און 23. יאַנואַר וועגען איבעררייסען די אָפּמאַכען מיט די אַרבייטער.

נאָך אַ הפסקה פון 15 מינוט האָט דער דירעקטאָר רינג ערקלערט, אַז ער וועט

נישט ענדערן. קיין איין פונקט פון זיין שטעלונג

מיט דעם איז די זיצונג איבערגעריסען געוואָרען.

(2) 11 אַ זייגער האָט זיך אָנגעהויבען אין קינאָ „אָשוויאַטאָורע" אַן אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון די שטרייקענדע טראַמוויי-אַרבייטער.

ה' מאַרטשיניאַק פון קלאַסען פעראיין האָט אָפּגעגעבען אַ בעריכט פון דער קאָנפערענץ ביים אַרבייטס-אינספעקטאָר (דעם בעריכט זעה אויבען) ה' זובערט פון פעראיין „פראַצאַ" האָט דעם בעריכט דערגענצט און דערביי צוגעגעבען, אַז ער גלויבט נישט, אַז די שטעלונג פון דירעקטאָר רינג זאָל ווירקליך זיין פון דער דירעקציע.

דער רעדנער טראָגט אַריין 3 פאָרשלאַגען ראשית זאָל בעשלאָסען ווערען, אַז אין פאַל די טראַמוויי-דירעקציע וועט בלייבען ביי איהר ביז איצטיגע שטעלונג, אַזוי ווי עס האָט זי פאָרמולירט דער דיר. רינג זאָל דאָס גאַנצע אַרבייטענדיגע לאָדז ערקלערען אַ גענעראַל שטרייק.

ווייטער זאָל די שטרייק-קאָמיסיע זיך ווענדען צו די פאָרשטעהער פון מאַגיסטראַט אין דער טראַמוויי-פערוואַלטונג, אַז זיי זאָלען אויסאיבען אַ דרוק אויף דער פערוואַלטונג, זי זאָל ענדערען איהר שטעלונג בנוגע דעם שטרייק, און דריטענס עס זאָל אויסגעוועהלט ווערען אַ געמישטע קאָמיסיע פון די שטרייק-קאָמיטעטען און פון די פראָפ. פעראײנען וועלכע זאָל קאָנפערירען מיט'ן פערטרעטער פון אַרבייטס-מיניסטעריום ה' אולאַנאָווסקי, וועלכער קומט היינט צו פאָהרען.

נאָך דעם בעריכט האָט זיך אָנגעהויבען אַ שטורמישע דיסקוסיע. פערשידענע רעדנער זענען שאַרף אַרויסגעטרעטען וועגען די אונטערהאַנדלונגען ביים אַרבייטס-אינספעקטאָר.

בעת דער רעדע פון פאָרשטעהער פון קלאַסען-פעראיין ה' ראַמאַנאָווסקי האָט זיך אויפגעהויבען אַ געוואַלטיגער שטורעם, אַ טייל פון די פערזאַמעלטע זענען בעפאַלען דעם רעדנער מיט זידלערייען. די מיטגלידער פון די קלאַסען פעראיינען און פון „פראַצאַ" האָבען אַלס פראָטעסט געגען דער האַנדלונג פון די פערזאַמעלטע פערלאָזען די פערזאַמלונג.

אַ פאָרשטעהער פון דעם קלאַסען-פעראיין האָט נאָכדעם ערקלערט, אַז דער קלאַסען פעראיין פון די טראַמוויי-אַרבייטער וועט היינט אויף אייגענער האַנד זיך ווענדען צום אַרבייטס אינספעקטאָר וועגען בענייען די אונטערהאַנדלונגען אויף צו פערענדיגען דעם שטרייק.

איינגעבראכען זיך די פאדלאגע

בעת א רעדע פון בילדונגס-מיניסטער

וואַרשאַ, 26 (טעלעפאָניש) אין דער סאָנאַטאָרישער אָרגאַניזאַציע „זראַמג" איז נעכטען פאָרגעקומען אַ פערזאַמלונג אויף וועלכער דער בילדונגס-מיניסטער יענדזשעיעוויטש האָט געזאָלט האַלטען אַ פאָרלעזונג וועגען נייעם רעגירונגס-פּראָיעקט פון שול-וועזען, ס'זענען פערבעטען געוואָרען ביז 100 פערטרויעליכע פערזאָנען. אַזוי ווי דער מיניסטער האָט אָנגעהויבען צו רעדען, האָט זיך פּלוצלונג די פאָדלאָגע אָנגעהויבען אײַנצוברעכען. דער מיניסטער האָט געמוזט אויפהערען צו רעדען און דער עולם איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען.

—=:O:=—

א הארציגען מזל-טוב דעם ה'
וואלף שמאראגד און פרוי
צו דער חתונה פון זייער ליבע טאכטער
פרל. ליפטשע שמאראגד
מיט ה' יואל סענאל
וואס איז פארגעקומען אין אנטווערפען
ווינשט
פאמיליע מילשטיין 568

מאשין-מצות
ווערט געבאקען אלע טאג פרישע און דינע,
ווי אויך מצה-מעהל, אייער-פערפעל
און סובארהעס לויט קארלסבאדער סיסטעם
מיר עמפפעהלען צו יעדער צייט אונזערע גוט-בעקאנטע און פרישע געבעקסען פון אונזער
איבעראַ-בעוואוסטער צוקערגייע
ג. ווייבערג
38 פיעטריקאווער 38
:-: טעל. 143-82 :-:

צו דער עפענטליכקייט!
נעכטען אווענד בין איך ארויסגעגאנגען פון דער פערזאמלונג פון פריזיער-צעך (פיעטריק. 85) איז מיך בעפאלען דער פאדסטארשי פון צעך איצעק רייזמאן (פאמארסקא 107), און מיט א מעסער מיך שווער פערוואונדעט. איך גיב איבער דעם ענין צו דער עפענטליכקייט. פריזיער-אינהאבער נ. פריס
צעגעלניאנא 20.

„ליבת הצדק", לאדז, ציגעל-גאס 17.
פיזיקאלישער טעראפישער קאבינעט
איז טעטיג טעגליך פון 11—1 מיטאג און פון 4 ביז 6 אווענד געפינט זיך אונטער דער אויפזיכט פון א דאקטאר-ספעציאליסט.
קווארץ-לאמפ, די טערמיע, סאלוקס, עלעקטרישע בעדער.
237

געלעגענהייטס-קויף!
צוליב אבריזע איז פון זאפארט
צו פערקויפען ביליג
א שלאפצימער און עס-צימער
אין בעסטען צושטאנד.
צו ערפאהרען זאכאדניא 21, וו. 8. 542

יוד. פרויען-פערבאנד „וו. י. ז. א.", לאדז.
היינט, מיטוואך, דעם 27 יאנואר, 9 אווענד וועט דער יונגער דיכטער
ישעיהו שפיגעל
האלטען א פארטראג א. ד. ט.:
„דער אידעען-קאמף אין דער יוד. דיכטונג"
נאכ'ן רעפעראט – רעציטאציעס פון אייגענע שאפונגען.
436

לייען איבער און בעהאלט!
אויב דו ווילסט גליקליך זיין, אויב דו שטרעבסט נאך א גוטער צוקונפט וואס דארף זיין דער ציל פון דיין לעבען און אויב דו קאנסט דיך נישט דעצידירען אין דיינע אבזיכטען – טא קום און איבערצייג זיך צום
אייציג בעריהמטען כיראמאנט ט. נעלקין
א דאנק זיין אונגעהויערן וויסען לייענט ער ארויס פון דיין האנד אדער געזיכט די פערגאנגענהייט, געגענווארט און צוקונפט. ער רופט אן די נעמען פון דיינע שונאים און פריינד. קאנסט גענוי אינפארמירט ווערען וועגען אלץ, וואס דיך אינטערעסירט. ער גיט דיר די בעסטע עצות וועגען אלץ, וואס קאן דיר נוצען ברענגען. גיט די בעסטע כאראקטעריסטיק פון פאטאגראפיעס. ווען דו וועסט הערען ווי אזוי דער בעריהמטער כיראמאנט ט. נעלקין וועט דיר גלייך פאראויסזאגען, וואסערע צוקונפט דיך ערווארט און וואס דו לעבסט איצט דורך – וועסטו ערשטוינט ווערען. ∴ קום און איבערצייג זיך!
דער פרייז איז א קליינער. פאר ארבייטסלאזע גרויסער ראבאט.
געקומען אויף א קורצע צייט קיין לאדז.
פאמארסקא 14, וואהנ. 4–5, פראנט, 2-טען שטאק. 560

געזעלש. „קולטור-ליגע" אפטיילונג אין לאדוש 23 בזשעזשינער 23
2 ווארט-קאנצערטען פון
הערץ גראסבארט
1) פרייטאג, דעם 29-טען יאנואר 1932, 8.30 אווענט אין זאל פון שטאט-ראט (פאמארסקא 16). בילעטען פון 1 ביז 2 גילדן.
2) שבת, ד. 30-טן יאנואר, 10.30 פרי אין זאל פון „אזא" (נארוטאוויטשא 20) בילעטען צו 75 גר. (פאר מיטגלידער—50 גר.)
יעדער קאנצערט - אן אנדער רעפערטואר.
בילעטען צו באקומען אין „קולטור-ליגע" און ביים אריינגאנג.

אויפפאדערונג.
איך אלס מיטאינהאבער פון הויז אויף לוטאמירסקא 8, פאדער אויף די ה"ה
ליפשיץ נאפיורקאווסקא 5 אלס ווירט
מאלץ אלס אדמיניסטראטאר
מיר צו ערלעדיגען אין פערלויף פון 8 טעג, די אלע איינקונפטען פון הויז לוטאמירסקא 8, וואס זיי ביידע האבען איבערגענומען אונטער מיין וויסען לויט ווי די פראקטישע רעכנונג בעווייזט, דאסועלבע מיט די אויסגאבען אין משך פון זיבען יאהר צייט. אין געגענפאל וועל איך געצוואונגען זיין געגען די אלע פאדערונגען גערישטליך פארצוטרעטען.
מיט אכטונג
ח. שמאלעוויטש 564

אינערן־מיניסטער פּיעראַצקי ענטפערט אויף דער אינטערפּעלאַציע פון דעפּ. גרינבוים וועגען דער אנטיסעמיטישער אגיטאַציע אין לאַנד

וואַרשאַ, 26 (טעלעפאָניש). דער אינערן־מיניסטער פּיעראַצקי האָט היינט געענטפערט אויף דער אינטערפּעלאַציע פון דעפּ. גרינבוים וועגען דער אנטיסעמיטישער אגיטאַציע אין לאַנד. דער מיניסטער האָט געענטפערט, אַז די פאָרוואורפען פון דעפּ. גרינבוים זענען פעראַלגעמיינערט און קיין קאָנקרעטע זאַכען זענען נישט געווען, אין אַלגעמיין פיהרען לויט דעם מיניסטער די אנטיסעמיטישע אגיטאַציע עטליכע בלעטלעך ווי „שאַבעס־קוריער“. „האַסלאָ פּאַדוואַוועלסקע“ א. א.

דער מיניסטער האָט אין פערשטענדיגונג מיט דער פּראָקוראַטור אַרויסגעגעבען אַ פעראָרדנונג וועגען דעם צו די וואָיעוואָדעס.

שרעקליכער שנית פון טויט אין אַנ׳אויסטראַלישען קויהלען־גרובען

לאָנדאָן, 26 (ספּ. טעל.) אין דער קויהלען־גרובען לייניפיאַ (דרום וועלס) איז פאָרגעקומען אַנ׳אויפרייס פון גאַזען, דעם אויפרייס האָט מען געהערט אויף אַ שטח פון עטליכע ענגלישע מיילען. די רעטונגס־מאַנשאַפט האָט אַרויסגענומען פון גרובען 17 אַרבייטער, פון וועלכע 4 זענען גלייך געשטאָרבען, די איבריגע גוסס׳ן אין שפּיטאָל.

ווייטערדיגע אימיגראַציע־בעגרענצונגען קיין בראַזיליען

ריאָ־דע־זשאַנעראָ, 26 (ספּ. טעל.) די בראַזילישע רעגירונג האָט אַרויסגעגעבען אַ פעראָרדנונג, אַז אַלע אימיגראַציע־בעגרענצונגען וואָס זענען חל געווען אין יאָהר 1931 זענען אויך גילטיג אויפ׳ן יאָהר 1932.

שווערע אויטאָ־קאַטאַסטראָפע הינטער ביאַליסטאָק

30 יוד. פּאַסאַזשירען פערוואונדעט

ביאַליסטאָק, 26 (טעל.) פון גאָניאָנדזער יריד איז געפאָהרען אַנ׳אויטאָבוס מיט 30 יודישע פּאַסאַזשירען, אין מיטען וועג איז דער אויטאָ אַריין אין אַ גרוב און אַלע 30 פּאַסאַזשירען זענען פערוואונדעט געוואָרען, 18 פון זיי שווער, 3 פון זיי סטאַטעקאָוו, בורלאַק, באַרושקאַן גוסס׳ן אין שפּיטאָל, דער שאָפער איז אַרעסטירט.

בונט אין דער גרעסטער ענגל. טורמע

איז נאָך נישט דערשטיקט געוואָרען

לאָנדאָן, 26. (ספּ. טעל.) דער בונט אין דער גרעסטער ענגלישער טורמע אין פּרינצעטאַון איז נאָך נישט דערשטיקט געוואָרען, אין פערלויף פון נעכטיגען טאָג האָט זיך די לאַגע פיל פערערגערט ווייל די געוועזענע אַרעסטאַנטען, וועלכע זענען אָרגאַניזירט אין אַ פעראיין זענען געקומען קיין פּרינצעטאַון, כדי צו בעפרייען די אַרעסטאַנטען.

אַרום דער טורמע געפינען זיך זעהר פיל געוועזענע אַרעסטאַנטען, וועלכע פערשטענדיגען זיך מיט די וואָס געפינען זיך אין טורמע דורך פערשידענע ליכט־צייכענס, מ׳ריכט זיך אויף אַנ׳אַנגריף אויף דער טורמע.

נעכטען איז אין דער טורמע אָנגעקומען אַ גרויסע מיליטער־אָפּטיילונג, פאַר׳ן בנין זענען אוועקגעשטעלט געוואָרען קוילען־וואַרפערס, די אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט, אַז דאָס געוועהר אין דער טורמע איז צוגעשטעלט געוואָרען פון דרויסען.

די צובונטעוועטע אַרעסטאַנטען געפינען זיך איצט אויף די העכסטע שטאָקען און זענען אָפּגעשניטען פון דער וועלט, ס׳איז שווער פאָראויסצוזעהען ווי אַזוי ס׳וועלען זיך ענטוויקלען די געשעהענישען, ווייל די צובונטעוועטע אַרעסטאַנטען האָבען זיך פערזעהען מיט שפּייז אויף אַ לאַנגער צייט, בעת ס׳זענען דעמאָלירט געוואָרען די טורמע־מאַגאַזינען.

די ברענענדיגע טורמע (דאָס בילד איז איבערגעגעבען געוואָרען דורך ראַדיאָ)

דער באַנקיר פּאָול וואַרבורג

וועלכער איז די טעג געשטאָרבען אין אַמעריקע

טשעכישע זשאַנדאַרמען שיסען אויף אַרבייטער

פּראַג, 26. (ספּ. טעל.) די אַרבייטער־דעמאָנסטראַציעס אין אַלומיניעץ האָבען זיך פערענדיגט זעהר טראַגיש, די זשאַנדאַרמעריע האָט געשאָסען צו די אַרבייטסלאָזע, וועלכע האָבען זיך געפונען אין לאָקאַל פון מאַגיסטראַט, איין אַרבייטער איז דערהרגעט געוואָרען 6 זענען פערוואונדעט געוואָרען ס׳זענען אַרעסטירט געוואָרען 12 פּערזאָן.

סאָוויעטישע דעלעגאַציע קיין גענף

מאָסקווא, 26 (ספּ. טעל.) פון מאָסקווא איז שוין אַרויסגעפאָהרען די סאָוויעטישע דעלעגאַציע אויף דער ענטוואָפנונגס־קאָנפערענץ קיין גענף.

די נעכטיגע זיצונג פון סיים

וואַרשאַ, 26. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) אויף דער נעכטיגער זיצונג פון סיים האָט אָפּגעגעבען די שבועה דער נייער קאָמוניסטישער דעפּוטאַט ראָזענבערג. דאַן זענען איבערגעשיקט געוואָרען אין די קאָמיסיעס אַ גאַנצע רייה געזעץ־פּראָיעקטען.

דער סיים האָט אויך בעשלאָסען אַרויסצוגעבען דעם געריכט די דעפּוטאַטען סאַכאַ און מאָזור פון די ענדעקעס און דעם דעפּ. דאַנצקי (קאָמוניסט) פאַר אַ העצערישע רעדע וואָס ער האָט געהאַלטען אין אָזאָרקאָוו, די נאָהענטסטע זיצונג קומט פאָר פרייטאג.

* * *

דער נייער דעפּוטאַט מרדכי ראָזענבערג איז אַ לאָדזשער, ער האָט געאַרבייט אין דער פאַבריק פון אַבע שפּירא אויף גדאַנסקא 107, ביז 1919 איז ער געווען אַ לינקער פּועלי־ציוניסט. פון 1923 ביז 1927 איז ער געזעסען אין תפיסה.

אונטערגעגאַנגען אַנ׳ענגליש אונטערוואַסער־שיפעל

מיט אַ מאַנשאַפט פון 40 מאַן

לאָנדאָן, 26 (טעל.) אַ גאַנץ נייע אונטערוואַסער־שיפעל, וועלכעס איז ערשט אַראָפּגעלאָזען געוואָרען אין וואַסער איז דערטרונקען געוואָרען מיט דער גאַנצער מאַנשאַפט פון 40 מאַן, נישט קוקענדיג אויף אַלע בעמיהונגען איז נישט געלונגען קיינעם פון זיי אָפּצוראַטעווען.

אַ קלאַנג־פילם פון יוד. רעליגיעזען לעבען אין האָלאַנד

אַמסטערדאַם, (י.ט.א.) דער בעקאַנטער פילם־רעזשיסער י. טעניס, וועלכער געהערט צו די אַוואַנגאַרדיסטען איז צוגעטרעטען, ווי י.ט.א. ווערט געוואָר, צו שאַפען אַ קלאַנג־פילם פון יודישען רעליגיעזען לעבען אין האָלאַנד. די אויפנאַהמען וועלען געמאַכט ווערען אין יודישען געטאָ אין אַמסטערדאַם.

רעוויזיאָניסטען־קאָנפערענץ אין איטאַליען

רוים, (יט״אַ) דעם 7־טען און 8־טען פעברואַר ה. י. וועט אין מילאַן פאָרקומען די ערשטע קאָנפערענץ פון רעוויזיאָניסטען־פערבאַנד אין איטאַליען.

אין דער קאָנפערענץ וועט זיך בעטייליגען דער פּרעזידענט פון רעוויזיאָניסטישען וועלט־פערבאַנד וול. זשאַבאָטינסקי.

Dr. A. SZMIRGELD
ספּעציאַליסט פון נערווענקראַנקהייטען
שפּראַכשטערונגען, (שטאַמלען און אַנדערע)
היילונג פון שוואַך ענטוויקעלטע און שווער־ערציהבאַרע קינדער
ul. SRODMIEJSKA Nr. 27
טעלעפאָן 151-89 פון 5 ביז 7

געדענקט, יודען!
אַז איהר דאַרפט פריהער נישט אונטערנעהמען קיין שום שריט אין אייער רעכטליכען ענין. כל זמן איהר האָט זיך נישט פערשטענדיגט מיט׳ן רעכטס־פּובליציסט י. אינפעלד. לאָדז. פּיעטריקאַ 31
אויפנאַהמס־שעה׳ן טעגליך פון 4–8 אָוו.
שריפטליכע אָנפראַגען קאָן מען אַדרעסירען.

בלוטיגע שחיטות אין אינדיען

די מאַכמעדאַנער שעכטען אויס די הינדוסען

לאָנדאָן, 26. (ספּ. טעל.) די בלוטיגע קאַמפען צווישען די מוזולמענער און די הינדוסען אין צפון־אינדיען האָבען פערשלונגען נייע קרבנות. אין קרייז כאַזשורי־ראַסי האָבען 12 טויזענד מאַכמעדאַנער פּאָגראָמירט עטליכע צעהנדליג דערפער און שטעטלעך. די בעפעלקערונג איז פשוט אויסגעשאָכטען געוואָרען, נישט קוקענדיג וואָס די הינדוסען באָיקאָטירען די ענגלענדער ווענדען זיי זיך דאָך צו דער ענגלישער מאַכט מיט ביטעס וועגען הילף, די ענגלענדער האָבען אַרויסגעשיקט גרויסע מיליטער־אָפּטיילונגען.

2 מיליאַרד פראַנק

אויף מיליטערישע לופט־פליהעריי

פּאַריז, 26. (ספּ. טעל.) די בודזשעט־קאָמיסיע פון פּאַרלאַמענט האָט בעשלאָסען אַ קרעדיט אין דער הויך פון 1 מיליאַרד 900 מיליאָן פראַנק אויף אויסצובויען דאָס מיליטערישע לופט־וועזען אין פראַנקרייך.

ווייטער איז בעשלאָסען געוואָרען צו מאַכען אַנ׳איינמאָליגע הלוואה אויף צו דעקען די שאָדענס וואָס די פראַנצויזישע בירגער האָבען געליטען בעת דער מלחמה.

ערשינען דאָס ערשטע בוך אויף יודיש אין האָלאַנד

אַמסטערדאַם (יט״א) צום ערשטען מאָל איז איצט ערשינען אין האָלאַנד אַ בוך אין דער יודישער שפּראַך. דאָס [illegible] הייסט „נישט אין גלות און נישט אין דער היים“ פון חיה ריימאַן.

בילדער־אויסשטעלונג אין אַמסטערדאַם

פון אַ יודישען קינסטלער פון פּוילען

אַמסטערדאַם. (י.ט.א.) דאָ איז געעפענט געוואָרען אַ בילדער־אויסשטעלונג פון בעקאַנטען יודישען קינסטלער פון פּוילען יחזקאל קירשענבוים. די אויסשטעלונג האָט אַרויסגערופען אַ בעדייטענדען אינטערעס אין אַמסטערדאַם.

יאַפּאַנער בעפאַלען כאַרבין

און מאָרדעווען כינעזער

טאָקיאָ, 26 (ספּ. טעל.) דער יאַפּאַנישער אָנפיהרער פון די מזרח־כינעזישע באַהנען איז בעפאַלען מיט אַנ׳אָפּטיילונג דעם כינעזישען פירטעל אין כאַרבין. ס׳זענען אויסגעמאָרדעט געוואָרען 30 כינעזישע פּאָליציאַנטען און 20 ציוויל־מענשען.

—=:)O(:=—

שאַנכאַי פערנומען דורך די יאַפּאַנער

אַ גאַס אין שאַנכאַי

רעוואלוציאנערער כאאס אין שפאניען

קאמוניסטען האבען בעזעצט עטליכע שטעט

מאַדריד, 26. (ספּ. טעל.)) די לאַגע אין מאַדריד פערשאַרפט זיך מיט יעדער שעה.

אין סעווילין דויערט דער שטרייק שוין אַ גאַנצע וואָך.

אין וואלענציא הערשט אַ פולשטענדיגער כאַאָס, די הערשער פון דער שטאָט זענען די סינדיקאַליסטען, וועלכע האָבען מאָביליזירט אַ מיליץ פון צווישען די טראַנספּאָרט-אַרבייטער, אין שטאָט הערט מען כסדר שיסען, די קירכען ברענען.

אין פּעראָל האָבען זיך בעזעצט די קאָמוניסטען, וועלכע האָבען בעזעצט דעם מאַגיסטראַט און פּראָקלאַמירט אַ סאָוויעטישע רעפּובליק, אַלע אַמטען אין שטאָט געפינען זיך אין קאָמוניסטישע הענד, לויט די לעצטע ידיעות פון דער האָזיגער שטאָט קומען דאָרט פאַר גאַסען-קאַמפען, דער מאַגיסטראַט ברענט.

אין קאַטאַלאָניען איז די סעפּאַראַטיסטישע בעוועגונג שוין דערשטיקט, דערפאַר הויבען דאָרט אויף דעם קאָפּ די ראַדיקאַלע ריכטונגען.

אין באַרצעלאָנא זענען נעכטען פאָרגעקומען ווילדע גאַסען-קאַמפען, די סיטואַציע האָבען בעהערשט די סינדיקאַליסטען, די פּאָליציי איז ענטוואָפענט געוואָרען.

אנטיסעמיטישער טעראר

ווערט אפיציעל פעראורטיילט אין בולגאריען

סאָפיא (יט"א) לויט דער איניציאַטיוו פון בולגאַרישען פּראָ-פּאַלעסטינאַ-קאָמיטעט, וואָס פעראייניגט בולגאַרישע פּאָליטיקער פון פערשידענע ריכטונג, איז פאָרגעקומען אַ פּראָטעסט-פערזאַמלונג געגען די אַנטיסעמיטישע טעראָר-אַקטען אין בולגאַריען, די פערזאַמלונג האָט געעפענט גען. ביקיפאָוו, נאָכדעם האָבען גענומען דאָס וואָרט דער פאָרשטעהער פון פערבאַנד פון רעזערוו-אָפיצירען גען. לאַזאַראָוו, פאָרזיצער פון דער קולטור-ליגע „זאַריאַ", גען. קראַטונקאָוו, דער פאָרשטעהער פון פערבאַנד פון אַלע בולגאַרישע ספּאָרט-פעראייניגונגען. מיניסטער וואַסיליעוו, פאָרשטעהער פון האַקטוירים-פערבאַנד, אייזענבאַהן-אַרבייטער א. א. וו. אַלע רעדנער האָבען אונטערגעשטראָכען די לאָיאַליטעט פון די בולגאַרישע יודען און שאַרף פעראורטיילט די אַנטיסעמיטישע טעראָר-אַקטען.

כמעט די גאַנצע בולגאַרישע פּרעסע האָט פערעפענטליכט אויספיהרליכע בעריכטען פון דער דאָזיגער פּראָטעסט-פערזאַמלונג.

אמעריקא נעמט אן א שארפע שטעלונג

בנוגע דער יאפאנישער אקציע אין מאנדזשוריען

ניו-יאָרק, 26. (ספּ. טעל.)) דער אויסערן-מיניסטער סטימסאָן האָט אָפּגעהאַלטען אין וואַשינגטאָן אַ וויכטיגע קאָנפערענץ מיט'ן פלאָט-מיניסטער אַדאַמס און מיט'ן אַדמיראַל טראַט. די קאָנפערענץ איז געווען נוגע דער לאַגע אויפ'ן ווייטען מזרח, הגם וועגען דער קאָנפערענץ איז נישט אַרויסגעגעבען געוואָרען קיין שום אָפיציעלער קאָמוניקאַט, הערשט אין די פּאָליטישע קרייזען די איבערצייגונג, אַז אַמעריקאַ געפינט זיך ערב ענטשיידענדע בעשלוסען.

ניו-יאָרק, 26. (ספּ. טעל.) די אַמעריקאַנער רעגירונג איז שטאַרק אויפגערעגט אויף יאַפּאַן צוליב די יאַפּאַנישע מיליטערישע פּראַ-דזונגען אין שאַנכאַי, די אַמעריקאַנישע צייטונגען מעלדען, אַז די אַמעריקאַנישע רעגירונג פּלאַנט ענערגיש אַרויסצוטרעטען געגען דער אַנעקסיע פון שאַנכאַי דורך יאַפּאַן, און אויך געגען דעם אַרויסשיקען פון קריגס שיפען.

לאָנדאָן, 26. (ספּ. טעל.) פון טאָקיאָ מעלדעט מען: אויף דער נעכטיגער זיצונג פון דער יאַפּאַנישער רעגירונג האָבען אַלע מיניסטאָרען אויסגעדריקט צופרידען דעם קריגס-מיניסטער, דער מיניסטאָרען-ראַט האָט בעפולמעכטיגט דאָס קריגס-מיניסטעריום אַרויסצושיקען ווייטערדיג מיליטער קיין מאַנדזשוריע און שאַנכאַי.

לאָנדאָן, 26. (ספּ. טעל.) קיין שאַנכאַי זענען נעכטען געקומען נייע אָפּטיילונגען פון יאַפּאַנישען פלאָט, אין כינעזישען קוואַרטאַל האָבען די כינעזער ערקלערט בעלאַגערונגס-צושטאַנד.

די יאַפּאַנישע קאָנצעסיאָנס-געביטען זענען פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ מיליטער לאַגער, די סאָפּערען גראָבען „אָקאָפּעס", פערלעגען דראָט-פערצוימונגען.

לאָנדאָן, 26. (ספּ. טעל.) די שטאָט פו-טשאַו נעבען טייך מין—קאַ געפינט זיך ווייטער אין די הענד פון די רעוואָלוציאָנערען, וועלכע האָבען איבערגעריסען אַלע בעציהונגען מיט דער קאַנטאָנער און נאַנקינער רעגירונג. דער שטאַב פון רעוואָלוציאָנערען קאָנפיסקירט אַלע סחורות. דאָס רעגירונגס מיליטער געהט ווייטער איבער אויף דער זייט פון די רעוואָלוציאָנערען, וועלכע האָבען אויך נעכטען פערנומען די שטאָט רען-פינג.

זי האט זיך נישט געקענט פון שמערצען בכלל ריהרען

איצטער איז זי פטור אינגאנצען פון רעוומאטיזם!

וואָס פאַר אַ שרעקליכער געפיהל נישט קענען אַליין אויפשטיין פון בעט! אַזוי שטייף זענען די הענד און די פיס! — נישט פעהיג צו דער אַרבייט — דאָס איז אַ קרבן פון רעוומאַטיזם. אָבער היינט איז זי ווייטער פריש און בעוועגליך ווי פריהער און פיהלט נישט קיין שום ווייהטאָגען. פרוי וו. סאַיק, גרודזיאָנדז, שעוסקא 16[1 שרייבט אונז: שוין אַ לענגערע צייט האָב איך געליטען אויף רעוומאַטיזם אין די הענד און פיס. די ווייהטאָגען האָבען מיר אַזוי דערקוטשעט, אַז איך האָב אָפט אַ גאַנצע נאַכט נישט געקענט שלאָפען. מיינע הענד און פיס זענען מיט דער צייט אַזוי שטייף געוואָרען, אַז איך האָב כמעט מיך נישט געקענט ריהרען, איך קען פשוט נישט בעשרייבען, ווי איך האָב דורך די צייט געליטען. דורך 7 חדשים האָב איך פּרובירט פערשידענאַרטיגסטע מיטלען וועלענדיג זיך בעפרייען פון די שרעקליכע ווייהטאָגען. אָבער עס איז מיר באמת ערשט דאַן בעסער געוואָרען, ווען איך האָב אָנגעהויבען בעהמען טאָגאַל. שוין אין אַ וואָך אַרום זענען די ווייהטאָגען געוואָרען קלענער און איך האָב געקאָנט רוהיג שלאָפען. זעהענדיג אַזעלכע גוטע רעזולטאַטען האָב איך ווייטער גענומען טאָגאַל. שטרענג לויט פאָרשריפטען. מיט דער צייט האָב איך וויראַזשנע געפיהלט ווי מיינע הענד און פיס ווערען וואָס ווייטער בעוועגליכער. איצטער בין איך שוין אינגאַנצען פטור פון דער אונאַנגענעהמער קרענק, אַזוי, אַז דריי יאָהר האָב איך אַ דאַנק טאָגאַל געקאָנט פאַרציכטען אויף אַ רייזע אין אַ קוראָרט. טאָגאַל איז באמת אַ ראַדיקאַל מיטעל! וועגען דעם קענען זאָגען עדות טויזענטער מענשען וואָס האָבען גענומען טאָגאַל ביי רעוומאַטיזם, פּאָדאַגרע, רייסען און ברעכען אין די ביינער, נערווען- און קאָפּ-ווייטאָג, גריפּע, פערקילונגען און אַנדערע עהנליכע קראַנקהייטען. אונשעדליך פאַר'ן מאָגען, האַרץ און אַנדערע אָרגאַנען. טאָגאַל שטילט נישט נאָר די ווייטאָגען, אָבער דערשטיקט אויך אין קערן די אַלע חולאת'ן! דערביי האָט מען אפילו ביי כראָנישע פאַלען דערגרייכט מיט טאָגאַל איבערראַשענדע רעזולטאַטען. און ווען נאָך טויזענטער דאָקטוירים פערשרייבען טאָגאַל קען דאָך יעדער מיט צוטרוי דעם מיטעל קויפען. פּראָבירט נאָך היינט, פאָדערט אָבער וויראַזשנע נאָר טאָגאַל! אין אַלע אַפּטייקען!

בריאן גיט איבער זיין אמט דעם פרעמיער לאוואל

1000 דערהרגעטע

בעת דעם בירגער-קריג אין סאן-סא וואדאר

ניו-יאָרק, 26 (ספּ. טעל.) דער בירגער-קריג אין סאַן סאַלוואַדאָר האָט זיך פערוואַנדעלט אין אַנ'אמת'ער שחיטה. לויט די קאָמוניקאַטען פון רויטען קרייץ זענען ביז איצט אומגעקומען 1000 פּערזאָן.

די אויפשטענדיגע בענוצען זיך מיט באָמבעס

די רעגירונג האָט בענוצט אַלע מיליטער-כחות.

ווער ס'שטעהט בראש פון אויפשטאַנד ווייס מען נאָך נישט.

דער פלעביסציט אין דאנציג

האט בעוויזען דעם פערגרעסערטען איינפלוס פון די סאציאליסטען

דאַנציג, 26. (ספּ. טעל.) היינט אינדערפריה זענען פערעפענטליכט געוואָרען די אָפיציעלע רעזולטאַטען פון זונטאָגדיגען פּלעביסציט, דער פּלעביסציט האָט געזאָלט ענטשיידען, צי ס'זאָלען אָנגענומען ווערען די פּראָיעקטירטע ענדערונגען אין דער קאָנסטיטוציע, אין פּלעביסציט האָבען אַנטיילגענומען 77109 פּערזאָן, 75331 פּערזאָן האָבען זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אָפּוואַרפען די ענדערונגען. דער רעזולטאַט פון פּלעביסציט בעווייזט, אַז אין דאַנציג האָבען די רעכטע פערלוירען זייער ווירקונג און דעם איינפלוס פון די סאָציאַליסטען.

געשטארבען דער געוו. האנדעלס-מיניסטער קיעדראן

בערלין, 26. (ספּ. טעל.) נעכטען איז דאָ געשטאָרבען דער געוועזענער פּוילישער האַנדעלס-מיניסטער אינזשעניער קיעדראָן, וועלכער איז אַהער געקומען זיך היילען.

ציהונג אין פ. ק. א.

פּרעמיעס צו 1000 זל. זענען געפאַלען אויף ביכלעך פון פאָלגענדע נומערען:

52991 52637 52281 50898 50407
53125 54050 54698 55428 56500 56791
57668 57869 59687 60392 60593 61051
61139 62136 62434 63504 63942 64046
64232 65599 67128 67402 67465 68432
68536 69336 69712 70174 70447 71331
71604 72324 72504 72706 73121 73598
73828 74429 74565 74740 74984 75642
75846 76046 76820 77605 78193 78254
78950 80640 80740 80853 81250 81684
82799 82898 82912 83008 83298 84472
83844 84031 84111 84744 84974 85783
85854 86148 86529 87432 88034 89320
89391 89750 90075 90133 91002 9'367
91549 91716 92280 92299 9'331 92874
93736 95155 95466 95806 96220 96360
97171 97380 97726 97831 97967 98337
98464 98558 99294 99336 99457 99934
99851 90855 100057 100223 100279
100354 100401 100537 100690 101224
101599 101782 101816 101934 101953
101995 102218 102242 102603 103066
103128 103997 104231 104413 104979
105854 105901 106680 107021 107078
107139 107233 108027 108437 109502
.110145 109589 109573

אסימילאציע איז נישט מעגליך און נישט געוואונשען

ארטיקעל פון „דזשואיש קראניקל" וועגען יודען אויף די פוילישע אוניווערסיטעטען

לאָנדאָן (יט"א) „דזשואיש קראָניקל" פערעפענטליכט אַ לייט-אַרטיקעל וועגען דער לאַגע פון יודען אין פּוילען. דער אַרטיקעל הויבט זיך אָן דערמיט, דאָס אויף דער לעצטער זיצונג פון דער „אַנגלאָ דזשואיש אַסאָסיישן" האָט איינער פון די מיטגלידער געפּרובט בעאיינפלוסען די „אַסאָסיישן", אַז זי זאָל נישט מאַכען קיין גרויס וועזען פון אַנטיסעמיטיזם אין פּוילען. ער האָט דערצעהלט, אַז ער איז נישט לאַנג געווען אין פּוילען און דאָ געהאָט גערעדט מיט הויכגעשטעלטע יודישע ציוויל-בעאַמטע און זיך איבערצייגט, אַז די יודישע סטודענטען אין פּוילען ווערען אָנגענומען אין אַ קלענער צאָהל צוליב'ן מאַנגעל פון פינאַנציעלע פאָנדען פון די פּוילישע אוניווערזיטעטען. לסוף האָט ער אויסגעדריקט די האָפנונג, אַז די „אַנגלאָ-דזשואיש אַסאָסיישן" וועט געבען אַ געהעריגען וואונק די לידער פון פּוילישען יודענטום, אַז בעקלאָגען זיך וועט זיי נישט ברענגען קיין שום נוצען".

די צייטונג ערקלערט, אַז זי קען נישט מסכים זיין מיט דער דאָזיגער מיינונג. „ענגליש-יודישע ברילען זענען נישט דער בעסטער אָפּטישער אינסטרומענט צו בעטראַכטען די יודישע קבוצים אין מזרח אייראָפּא". עס איז נישט מעגליך, און זאָגאַר נישט געוואונשען, שרייבט „דזשואיש קראָניקל", אַז די מזרח-אייראָפּעאישע יודען זאָלען זיך אַסימילירען. „הויכגעשטעלטע יודישע ציוויל-בעאַמטע" אין פּוילען מוזען בעטראַכטען די לאַגע דורך העלערע ברילען. מען קען נישט ערוואַרטען פון זיי קיין מיינונגען, וואָס זאָלען נישט זיין ניחא זייערע שעפען. דאָס פּראָבלעם איז זעהר קאָמפּליצירט און קען נישט אויסגעדריקט ווערען אין אַ פּשוט'ער פאָרמול. מחמת דעם דאַרפען די-יעניגע, וואָס ווילען אין דעם ענין אַרויסזאָגען עפּעטליך אַ מיינונג, בעטראַכטען די זאַך אַלזייטיג.

די צייטונג דערמאָנט, אַז מיט עטליכע יאָהר צוריק איז שוין אין פּוילישען סיים פאָרגעשטעלט געוואָרען אַ געזעץ-פּראָיעקט וועגען „נומערוס קלאַוזוס" אויף די הויכשולען, וואָס אין זיינע מאָטיוען איז געווען דייטליך געזאָגט, אַז ער איז געווענדעט געגען יודען. פון דעם פּראָיעקט איז גאָרנישט געוואָרען אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון אויסלאַנד. אַנאַליזירענדיג ווייטער דעם מצב אויף די פּוילישע הויכשולען, שטעלט פעסט די צייטונג, אַז אויף די פאַקולטעטען, וואָס זייערע אַבסאָלווענטען האָבען אויסזיכטען צו בעקומען בעשעפטיגונג, ווערען טאַקע יודען אַנגענומען לויט אַ נישט-אָפיציעל איינגעפיהרטען „נומערוס קלאַוזוס". וואָס ווערט אויף איינציגע פאַקולטעטען אַנגעווענדעט מיט דער ווירקזאַמקייט פון אַ „נומערוס נולוס".

מיר צווייפלען נישט, שרייבט די „קראָניקל", אַז די פּוילישע מאַכט-אָרגאַנען זענען בעשטרעבט צו בעגרענעצען די צאָהל הויכשול-צוהערער מחמת פינאַנציעלע און ווירטשאַפטליכע טעמים. אין יעדען לאַנד אין אייראָפּא איז עס אַ ברענענדע פראַגע, וואָס די אוניווערזיטעטען ווערען פערשאַטען דורך יונגע מענשען, וועלכע האָבען נישט קיין אויסזיכט צו מאַכען אַ לעבען פון בילדונג. לעצטענס איז דער ענין בעהאַנדעלט געוואָרען אויך אין ענגלאַנד. מיר קענען נישט אָבזאָגען דאָס רעכט פון שטאַט צו זוכען רפואה צו אַזאַ לאַגע. מיר בעהויפּטען אָבער, אַז צו מאַכען בעגרענצונגען געגען יודען — אַלס יודען — איז מאָראַליש נישט-גערעכט און פּאָליטיש נישט-קלוג. עס איז די אונבעדינגטע פליכט פון דער פּוילישער רעגירונג געגענצושטעלען זיך די השפּעות, וואָס צילען צו דער „פּאָליטישער, קולטורעלער און ווירטשאַפטליכער איזאָלאַציע" פון יודען.

דער אַביסינישער קרוינפּרינץ (פון פאָרנט אין הוט) באַזוכט ביים איטאַליענישען קעניג (רעכטס)

דער אפּמאַר
צווישען פוילען און רוסלאנד

גראַד פאַר דער עפענונג פון דער ענטוואָפנונגס־קאָנפערענץ איז אין מאָסקווע געשעהען אַ פּאָליטישער פאַקט, וואָס וועט האָבען אַ גרויסע בעדייטונג פאַר דעם שלום־געדאַנק אין דער וועלט: דער'ך געזאַנדטען פּאַטעק אַלס פערטרעטער פון פוילען און דעם פאָלקס־קאָמיסאַר ליטווינאָוו איז אַ. פאַראַפירט געוואָרען (פּראָוויזאָריש געצייכענט) דער נישט־אָנגרייפס־אָפּמאַך צווישען פוילען און סאָוויעט־רוסלאַנד.

אין געשלאָסענעם אָפּמאַך שטעלען פעסט ביי־דע צדדים דעם ווילען איינצוהאַלטען דעם שלום צווישען זיך אַלס פאַקטאָר פון אַלגעמיינעם שלום. זיי שטעלען פעסט, אַז דער ריגער טראַקטאַט, וועל־כער איז געשלאָסען געוואָרען אין יאָהר 1921, בלייבט ווייטער דער יסוד פון זייערע געגענזייטיגע בעציהונגען און פערפּליכטונגען. זיי דריקען אויס די איבערצייגונג, אַז נאָר אויף אַ פרידליכען וועג דאַרפען געלעזט ווערען די אינטערנאַציאָנאַלע מיס־פערשטענדנישען א. אַז. וו. דער פאַקט דאַרף וואָס גיכער ראַטיפיצירט ווערען דורך ביידע מלוכות, און דאַן וועט אין וואַרשאַ פאָרקומען דער אויס־טויש פון די ראַטיפיקאַציע־דאָקומענטען. דער אָפּ־מאַך איז געשלאָסען אויף דריי יאָהר און ער וועט אויטאָמאַטיש פערלענגערט ווערען אויף צוויי יאָהר, אויב ער וועט נישט געקינדיגט ווערען מיט זעקס חדשים פריהער.

די ראַטיפיקאַציע פון פאַקט, וועלכע דאַרף פאָר־קומען, ווי געזאָגט, אין אַ וואָס גיכערען טערמין, קאָן פערצויגען ווערען, צוליב דער אַלגעמיינער אַקציע פון שליסען ענליכע אָפּמאַכען, וועלכע עס האָט אונטערגענומען די סאָוויעטען־רעגירונג. אין דער ערשטער רייה האַנדעלט זיך דאָ וועגען בע־דינג פון פוילען, אַז נישט־אַנגריפס־פאַקט זאָל געשלאָסען ווערען אויך צווישען די סאָוויעטען און פוילענס פערבינדעטען רומעניען. אָבער דאָס מיי־נערט נישט די בעדייטונג פון דער געשעהעניש וואָס איז פאָרגעקומען אין מאָסקווע.

אין שליסען דעם נישט־אָנגריפס־אָפּמאַך זע־נען פעראינטערעסירט ביידע צדדים, סיי רוסלאַנד סיי פוילען. רוסלאַנד האָט איצט שווערע זאָרגען אויפ'ן ווייטען מזרח. די אַפּעטיטען פון יאַפּאַנישען אימפּעריאַליזם זענען דייטליך געווענדעט אין דער זייט פון רוסלאַנד, וועמענס אינטערעסען זענען ערנסט בעדראָהט דורך דעם מאַרש פון די יאַפּאַנער. די געשעהענישען אויפ'ן ווייטען מזרח זענען געווען איינע פון די וויכטיגסטע פראַגען, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער טאָג־אָרדנונג פון דער לעצ־טער סעסיע פון אַלפערבאַנדישען צענטראַלען אויס־פיהר־קאָמיטעט און דערביי איז אָפען געזאָגט גע־וואָרען אויפ'ן אַדרעס פון יאַפּאַן, אַז די סאָוויע־טען ווילען נישט איינגעהען אויף צו פערלירען אפילו איין פוס שריט פון דער סאָוויעטישער טע־ריטאָריע. און אַזוי ווי די פלענער פון די יאַפּאַנער געהען דווקא אויפ'ן חשבון פון רוסישער טעריטאָריע און אַנדערע גיטער אין מאַנדזשוריען און סיביר, איז נישט אויסגעשלאָסען, אַז רוסלאַנד זאָל פריה־ער אָדער שפּעטער זיך מוזען אַריינלאָזען אין אַ שווערען קאַמף געגען יאַפּאַן, כדי צו פערטיידיגען איהרע אינטערעסען. איצט זענען די סאָוויעטען זעהר איינגעהאַלטען, זיי זענען זעהר פאָרזיכטיג און וועגען אָפּ יעדען שריט, וואָס קאָן זיי אַריינ־ציהען אין אַ קריג, ווייל יעדע מיליטערישע האַנדלונג וואָלט געבראַכט דעם גרעסטען שאָדען די גראַנדיעזע אויפבוי־פּלענער, וועלכע די סאָוויע־טען פיהרען דורך אין דער לויפענדער און האָבען בדעה דורכצופיהרען אין דער קינפטיגער פּיאַטי־לעטקע. אָבער די געפאַהר פון אַ קריגס־צוזאַמענ־שטויס מיט יאַפּאַן הענגט איבער דער גאַנצער פּאָ־ליטיק פון די סאָוויעטען.

פוילען פון איהר זייט איז אין העכסטען גראַד פעראינטערעסירט צו האָבען פולקאָם געזיכערטע איהרע גרעניצען פון דער מזרח־זייט. און דאָס איז דערפאַר, ווייל פוילען איז לחלוטין נישט גאַראַנ־טירט פאַר סופּריזען, וואָס קאָנען קומען מצד דייטשלאַנד. איינער פון די וויכטיגסטע פּראָגראַם פּונקטען פון די היטלעראַווצעס, וואָס געפינען אַזוי פיל חן אין די אויגען פון אונזער ענדעציע, איז דאָך די רעוויזיע פון די פוילישע גרעניצען, דאָס אָפּנעהמען פּאָמער'ן ביי פוילען, און די היטלעראָווי־צעס געפינען זיך דאָך אויפ'ן וועג צו עראָבערען די מאַכט אין דייטשלאַנד. דער פאַקט מיט רוסלאַנד פערפעסטיגט די פּאָזיציע פון פוילען געגען אַ מעג־ליכער איבעראַשונג פון אַנ'עווענטועלער אַקטיווער עראָבערונגס־פּאָליטיק מצד דייטשלאַנד.

פון וואָסער שטאַנדפּונקט מען זאָל אַלזא נישט בעהאַנדלען דעם פאַקט, וואָס איז נאָר וואָס גע־שלאָסען געוואָרען אין מאָסקווע און וואָס איז בלויז אַ הקדמה צו אַ רייה ענליכע אָפּמאַכען מיט די ראַנד־לענדער פון רוסלאַנד, מוז מען אָנערקענען, אַז ער איז אַ פּאָזיטיווער ביטראַג צו דער ענט־וואָפנונגס־קאָנפערענץ, וואָס דאַרף זיך שוין די טעג עפענען אין זשענעווע.

פ. פ. ת.

ווער וועט צאָהלען שטייערן?
עטאַטיזם און מאָנאָפּאָלען אויף אַלע געביטען

דער קראַקאווער סאַנאַטאָרישער „א. ק. צ.״ שטעלט אין אַ לייט־אַרטיקעל די פראַגע: ווער וועט אין פוילען סוף־כל־סוף צאָהלען שטייערן? דער הויפּט־שטייער־צאָהלער איז דער קליינער צאָהלער, אָבער ער ווערט ביסלעכווייז דערדריקט און דער־שטיקט, ער ווערט אינגאַנצען פערניכטעט דורך דער אָפענסיווע פון מלוכה'שען עטאַטיזם און מאָ־נאָפּאָליזם, ביי וועלכען עס געניסען און ווערען פאַ־וואָריזירט די גרויסע קאַרפּען־קעפּ פון אינדוסטריע און האַנדעל.

„דער מאַרש פון עטאַטיזם און מאָנאָפּאָליזם, שרייבט די צייטונג, געהט פאָרויס און נעהמט אַרום אַלץ נייע געביטען. דאָס דריקט זיך אויס אין אַ פערשטאַרקטער אַקציע פון שאַפען סינדי־קאַטען און קאַרטעלען ביי דער הילף און אַנטייל פון דער מלוכה, וועלכע גיט קאָנטינגענטען, אימפּאָרט אָדער עקספּאָרט־צאָלען, פּרעמיעס אָדער הנחות, אַט די סינדיקאַטען — דאָס דאַרפען פערשטעהען די ווירטשאַפטליכע רעסאָרטען פון דער רעגירונג זענען אַ קוואַל פון גרויסע פערדינסטען פאַר יחידים. דאָס איז אַ רייה פּריוויליגירטע פּרנסות און אומגע־הויער גרויסע פּענסיעס, וועלכע גרייכען אין די צעהנדליגער טויזענדער, און וועלכע קומען אויפ'ן אָרט פון הונדערטער און טויזענדער קליינע ראַאַי־נירטע עקזיסטענצען.

אָבער גראַד אַט די עקזיסטענצען פון קליינע מענשען בעשטימען די שטייער־קראַפט פון דער מלוכה. גרויסע ריווחים זענען נישט אויפצוכאַפּען און אָפט געהען זיי קיין אויסלאַנד. אויף דער פער־שטייערונג פון די גרויסע דירעקטאָרישע פּענסיעס קאָן מען נישט בויען די שטייער־קראַפט פון דער מלוכה.... די מאָנאָפּאָלען, וואָס ווערען נישט פון קיין שום זייט געבערעמזט דורך פרייער קאָנקו־רענץ, פערניכטען גיך זייער אייגענעם באָדען און ליקווידירען זיך דערנאָך אַליין אויף די חורבות פון זייער אייגענעם סיסטעם.

דער באַציל פון מאָנאָפּאָלען אין פוילען איז לעצטענס בעזונדערס לעבעדיג. אויף רעכטס און לינקס ווערען געשאַפען מאָנאָפּאָלען און אויסנאַהמס רעכט. די טעאָרעטיקער פון דער דאָזיגער בע־וועגונג בעהויפּטען, אַז עס געהט דאָ נישט וועגען דער ענטשטעהונג פון רעכטליכע מאָנאָפּאָלען, נאָר וועגען פאַקטישע, זאָל גאָט אָפּהיטען, זאָגט מען, קיינער דענקט נישט וועגען שאַפען רעכטליכע מאָ־נאָפּאָלען, אַלצדינג וואָס די פּרעסע רעדט וועגען דעם, דאָס איז אַ ליגען. אלא עס ענטשטעהען פאַק־טישע מאָנאָפּאָלען, איז וואָס קאָן מען העלפען דער־צו?

ווערען, אַ שטייגער, אַרויסגעגעבען פעראָר־דנונגען, אַז שול־העפטען זאָלען געקויפט ווערען בלויז לויט אַ בעשטימטען מוסטער, וואָס די דאָ־זיגע העפטען ווערען אויסגעאַרבייט בלויז דורך איין פירמע. דאָס איז אַ פאַקטישער מאָנאָפּאָל, אָ־בער וואָס, ענטפערט מען, קאָן מען דערויף טון?! עס ווערט געשלאָסען מיט איין אויטאָמאָביל־פירמע אַנ'אָפּמאַך, וועלכער איז אַזוי געבויט, אַז קיין שום אַנדערע פירמע אין פוילען וועט מיט דער ערשטער נישט קאָנען קאָנקורירען. נאַטיר־ליך, איז דאָס בלויז אַ פאַקטישער מאָנאָפּאָל, וועל־כער איז אַליין פאַר זיך דורכ'ן געזעץ נישט גאַ־ראַנטירט״....

און אַזוי ווייטער געהט מיט טריומף פאָרויס די מאָנאָפּאָליזירונג און דער עטאַטיזם.

דער יודישער מיטעלשטאַנד האָט וועגען דעם בעזונדערס צו זינגען און צו דערצעהלען, ווייל יעדער ערפאָלג פון דעם אָנגענומענעם אָפּענעם אָדער שטילען סיסטעם בעדייט אַ רואין פון הונ־דערטער און טויזענדער יודישע עקזיסטענצען.

די נסים פון אונזער צייט
אַנ'אַרטיקעל ווערט היינט געשריבען אין האָנאָלולו און מאָרגען געדרוקט אין לאָנדאָן

צי זענען פאַראַן „נסים״ אויף דער וועלט?

ווען מיר וועלען איבערגעהען פון העכערע שטרייטען וועגען דער דאָזיגער פראַגע צום טאָג־טעגליכען לעבען, וועלען מיר זיך אויף יעדען טריט און שריט אָנשטויסען אויף „נסים״; וועגען די דאָזיגע נסים איז אָבער נישטאָ וואָס צו שטריי־טען: זיי קומען פאָר פאַר אונזערע אויגען.

אַט זעהען מיר אַ ביישפּיל פון אַ „נס״, וואָס בעשטעהט אין דעם איבערעדען זיך צווישען לאָנ־דאָן און סידנעי (אויסטראַליען) דורכ'ן דראָטלאָזען טעלעפאָן.

מיט 40 יאָהר צוריק האָט פלאַמאַריאָן אין איינעם פון זיינע ביכער פאָרגעזאָגט, אַז די איינ־וואוינער פון אינזעל מאַרטיניק וועלען אַמאָל הע־רען די רעדעס פון פּאַרלאַמענט אין פּאַריז דורכ'ן טעלעפאָן. ווען עס איז ערשינען פלאַמאַריאָנס בוך, האָבען טעלעפאָן־געשפּרעכען צווישען אינזעל מאַר־טיניק מיט פּאַריז אויסגעוויזען פּונקט אַזוי ווייט, ווי עס ווייזט זיך אונז איצט אויס די פערבינדונג פון דער ערד מיט'ן מאַרס.

אין 7—8 יאָהר נאָכ'ן פאָרזאָגען פון פלאַ־מאַריאָנען האָט זיך די טעלעפאָן־פערבינדונג צווי־שען מאַרטיניק און פּאַריז אויסגעוויזען נאָך מעהר אונמעגליך צוליב דעם שרעקליכען אויסברוך פון וואולקאַן מאָן פּעלע; עס האָט פערגאָסען כמעט דריי־פערטעל פון'ם אינזעל.

מאַרטיניק געפינט זיך אין וועסט־אינדיען, אין דער גרופּע פון די קליינע אַנטיל־אינזלען. פון מאַרטיניק ביז פּאַריז איז אַנ'ערך פון פיר טויזענד וויאָרסט. סידנעי פון לאָנדאָן שטעהט אָפּ אויף אַ שטח נישט פון פיר, נאָר געוויס אַ צוואַנציג טוי־זענד וויאָרסט (דרייסיג טויזענד ענגלישע מייל), אָבער דאָס איז נאָך נישט אינגאַנצען, ווען מען רעדט וועגען „נסים״.

ענגלאַנד און אַמעריקע, אַ שטייגער, פאָלגען מיט אַנ'אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט נאָך דער דראַמע, וואָס שפּילט זיך איצט אָפּ אויף די סאַנדוויטש־אינזלען, אין האָנאָלולו, וואו 5 אָרטיגע איינוואוינער האָבען פערגוואַלטיגט אַ פרוי פון אַנ'אַמעריקאַנער פלאָט־לייטענאַנט מאַסי.

דאָס אָרטיגע געריכט איז עפּעס נישט איינ־שטימיג געווען מיט די אָנקלאָגער און האָט די אַרעסטירטע בעפרייט. דאַן האָט לייטענאַנט מאַסי, זיין שוויגער און צוויי מאַטראָסען אויסגענוצט דאָס לינטש־געריכט: מען האָט איינעם פון די אָנפאַלער, געכאַפּט און דערהרג'עט. אַזוי ווי די געליטענע, איהר מוטער און דער לייטענאַנט געהערען צו דער העכערער געזעלשאַפט פון ניו־יאָרק, האָט די דראַ־מע אין האָנאָלולו אויפגערודערט גאַנץ אַמעריקא און ענגלאַנד.

אָבער נישט וועגען דער דאָזיגער דראַמע האַנ־דעלט זיך. אינטערעסאַנט איז אַט וואָס: דער ענין האָט אויפגערודערט גאַנץ אַמעריקע און ענגלאַנד.

און אַט האָט דער גובערנאַטאָר פון די סאַנדוויטש־אינזלען בעשלאָסען צו געבען אַנ'אויספירליכע ער־קלערונג אין דער זאַך. ער האָט אָנגעשריבען אַ גרויסען אַרטיקעל דעם 15. יאַנואַר; און שוין דעם 16. יאַנואַר איז דער דאָזיגער אַרטיקעל גע־ווען אָפּגעדרוקט אין לאָנדאָן אויף דער ערשטער זייט אין „דיילי עקספּרעס״. די איינוואוינער פון לאָנדאָן קענען איצט אין אַלע פּרטים בעהאַנדלען די דראַמע, וועלכע האָט זיך אָפּגעשפּילט אויפ'ן ווייטען אינזעל אויפ'ן שטילען אָקעאַן.

מיט עפּעס אַ 15 יאָהר צוריק האָט זיך האָנאָ־לולו אויסגעוויזען ערגעץ אויף עק וועלט. אָבער איצט שטעהען מיר פאַר נאָך אַ גרעסערען נס, ווי די דערנעהנטערונג פון האָנאָלולו צו לאָנדאָן. לאָנדאָן קענען איצט אין אַלע פּרטים בעהאַנדלען מיט סידנעי, אין לאָנדאָן איז אַ רעגנדיגער קאַל־טער יאַנואַר־טאָג, מיטאָג־צייט, אין סידנעי איז האַלב 11 אין אָוונט און די צייט, — ווי ביי אונז יולי. — דער סאַמע ברען פון זומער... אין לאָנדאָן ביים אַפּאַראַט זיצען בעאַמטע פון'ם האַנדעלס־מי־ניסטעריום מיט'ן מיניסטער רענסימען בראש. אין סידנעי זיצען ביים אַפּאַראַט אַלע מיניסטערען פון'ם „דאָמיניאָן״. עס פערשטעהט זיך, אַז די וואונדער־באַרע אונטערהאַנדלונגען העהרען נאָך צו טויזענ־דער אַנדערע מענשען, ד. ה. די, וועלכע האָבען אין דער היים ראַדיאָ־אַפּאַראַטען...

יודען אין ארץ־ישראל אין שטאט און דארף
בערעכנונגען פון ד״ר ארטור רופּין אויפ'ן יסוד פון דער לעצטער פאָלקס־צעהלונג

ירושלים (י. ט. א.) אין „הארץ״ פערעפענטליכט דר. אַרטור רופּין אַנ'אַרטיקעל, אין וועלכען ער פאַסט צוזאַמען די רעזולטאַטען פון דער לעצ־טער פאָלקס־צעהלונג.

די צאָהל יודען אין ארץ־ישראל בעטרעפט לויט די ערשטע צעהלונגס־רעזולטאַטען 175,006, ד. ה. 16,9 פּראָצ. פון דער גאַנצער בעפעלקערונג לגבי 83,794, ד. ה. 11,7 פּראָצ. אין יאָהר 1922. דערביי איז די איצט אָנגעגעבענע צאָהל יודען קלענער ווי אין דער ווירקליכקייט צוליב פאָלגענ־דע טעמים: א) די צעהלונג האָט נישט אַרומגענו־מען פיל אַרומוואַנדערענדע אָריענטאַלישע יודען, וואָס האָבען נישט קיין שטענדיגען וואוין־אָרט, ב) אַ רייה פּערזאָנען האָבען זיך צוליב פּאָליטישע מאָ־טיווען ווילקירליך אָפּגעהאַלטען פון בעטייליגונג אין דער פאָלקס־צעהלונג, ג) אין דער רובריק „אַנ־דערע״ זענען אָהן ספק אויך דאָ יודען, וועלכע האָבען נישט מיטגעטיילט וועגען זייער צוגעהע־ריגקייט צו די יודישע קהלות און 3) אַ גרעסערע צאָהל יודען, בעזונדערס סטודענטען, געפינט זיך צייטווייליג אין אויסלאַנד.

אין 1922 זענען די יודען אין תל־אביב געצעהלט געוואָרען צוזאַמען מיט יפו. אין ביידע שטעט האָט זייער צאָהל דאַן צוזאַמען בעטראָפען 20.152, איצט – 52.739, ד. ה. זי איז אויסגע־וואַקסען אויף 161,2 פּראָצ. פון די 52,739 וואוי־נען אין תל־אביב 45,607 יודען (99 פּראָצ. פון דער תל־אביווער בעפעלקערונג) און 7.231 אין יפו (13,9 פּראָצ.)

פאַר דער צאָהל יודען אין אַנדערע שטעט אין א״י קען מען צונויפשטעלען פאָלגענדע טאַ־בעלע:

	אין 1922	אין 1931	
ירושלים	33,971	51.416	צוזואוקס 51 פּראָצ.
חיפה	6,230	15,955 „	156 פּראָצ.
טבריה	4,427	5,260 „	18,8 פּראָצ.
צפת	2,986	2,539	ירידה 15 פּראָצ.
עכו	78	235	צוזואוקס 301 פּראָצ.
בית־שאו	41	93 „	100 פּראָצ.

אין חברון, עזה, באר־שבע און רמלה איז די צאָהל יודען געפאַלען כמעט ביז נול, וואָס עס איז אַ רעזולטאַט פון די אויגוסט־אונרוהען פון 1929. אין אַלע איבעריגע א״י־שטעט זענען דאָ סה״כ 28 יודען אויף אַנ'אַלגעמיינע בעפעלקערונג פון 55,576.

לויט דער אַלגעמיינער בעפעלקערונג פון ירושלים איז די צאָהל יודען אין פערגלייך מיט 1922 געשטיגען פון 45,3 אויף 56 9 פּראָצ., אין חיפה – פון 25,3 אויף 31,6 פּראָצ.

אין אַלע א״י־שטעט וואוינען 128,541 יו־דען, ד. ה. 32,9 פּראָצ. פון דער אַלגעמיינער בעפעלקערונג אין די שטעט. אין 1922 האָבען אין די שטעט געוואוינט 68 622 ד. ה. 26 פּראָצ. יודען. העכער 99 פּראָצ. פון די שטאָטישע יודען וואוינען אין ירושלים, תל־אביב, יפו, חיפה, טבריה און צפת. די יודען בילדען אַ מעהרהייט פון דער בעפעלקערונג אין ירושלים, תל־אביב און טבריה.

פערהעלטנישמעסיג גרעסער ווי אין די שטעט איז דער צוּוואוקס פון יודען אויפ'ן לאַנד. דאָ איז זייער צאָהל געשטיגען פון 15,172 (אין 1922) אויף 46,465 (אין 1931), ד. ה. אויף 206,3 פּראָצ. לגבי דער אַלגעמיינער אַגראַר־בע־פעלקערונג איז זייער צאָהל געשטיגען פון 3,1 פּראָצ. אויף 7,2 פּראָצ. פון דער אַלגעמיינער יודישער בעפעלקערונג וואוינען אויפ'ן דאָרף 26 5 פּראָצ יודען (לגבי 18,1 פּראָצ. אין 1922).

שטרייק פון דאָקטוירים
אין בודאַפּעשטער יודישע קהלה־שפּיטאָלען

בודאַפּעשט, (י.ט.א.) אין די שפּיטאָלען פון דער בודאַפּעשטער יודישער קהלה איז אויסגע־בראָכען אַ שטרייק פון די דאָקטוירים צוליב'ן נישט אויסצאָהלען די שכירות זייט אַ לענגערע צייט. צום שטרייק זענען צוגעשלאָסען 72 דאָקטוירים.

אויף אַנ'אָנפראַגע פון דעם אונגאַרישען מעדיקער־פערבאַנד האָט די קהלה מיטגעטיילט, אַז צוליב'ן גרויסען דעפיציט אין בודזשעט קען די קהלה נישט נאָכקומען די פאָדערונגען פון דאָקטוי־רים־פּערזאָנאַל. די קהלה שטעלט פעסט, אַז יעהר־ליך ווערען אין די קהלה־שפּיטאָלען בעהאַנדעלט ביז 70 טויזענד קראַנקע, דערפון 2 דריטעל נישט־יודען.

אויף א פערוואָרפענעם ווילדען אינזעל

זיי האָט זיך פערוואָלט לעבען, ווי ראָבינזאָן קרוזאָ

א מאַן און א פרוי פערקלייבען זיך אויף אַנ'איינזאַמען אינזעל אויפ'ן פאַסיפישען אָקעאַן און פּרובירען לעבען „אויפ'ן שויס פון נאַטור", — די צרות, וואָס זיי האָבען דאָרט געהאַט אויסצושטעהן

איהר האָט דאָך זיכער געהערט די מעשה מיט ראָבינזאָן קרוזאָ, דעם מאַן, וואָס איז פערוואָרפען געוואָרען אויף אַנ'איינזאַמען אינזעל און האָט כמעט דעם גאַנצען לעבען אָפּגעלעבט ווי אַ ווילדער. איז זינט דער דאָזיגער בוך איז ערשינען — מיט איבער צוויי הונדערט יאָהר צוריק — האָט זיך א סך מענשען געוואָלט מאַכען אַ פּראָבע פון אַזאַ סאָרט לעבען: פערקלייבען זיך אויף אַנ'אינזעל, ערגעץ ווייט פון אונזער ציוויליזירטען לעבען, און פיהרען אַ נאַטירליכען לעבען „אויפ'ן שויס פון דער נאַטור". ווי די פּאָעטען זאָגען. נישט איינער האָט עס פּרובירט, אָבער כמעט קיינער האָט עס נישט געקענט אַנהאַלטען אַ לאַנגע צייט.

איצט איז אַזאַ פּראָבע געמאַכט געוואָרען פון צוויי ציוויליזירטע און געבילדעטע מענשען, אַ דייטשען דאָקטאָר פון בערלין און אַ פרוי פון דרעזדען.

די געשיכטע ווערט דערצעהלט פון איינעם פ. שימפף, וועלכער האָט אויך געהאַט די אַמביציע צו פּרובירען דאָס לעבען פון אַ ראָבינזאָן קרוזאָ.

איך האָב זיך דערוואוסט, דערצעהלט ה' שימפף אַז דאָקטאָר פרעדריק ריטער און פר'ין דאָרע קאָרווין האָבען זיך פערקליבען אויף איינעם פון די גאַלאַפּאַגאָס אינזלען אין פּאַסיפישען אָקעאַן (ביי פינף הונדערט מייל צו מערב צו פון דרום-אַמעריקאַנער ברעג) און לעבען דאָרט ווי ראָבינזאָן קרוזאָ. בין איך אויך אַוועק אַהין. עס האָט נישט געדויערט לאַנג און איך האָב אויסגעפונען דעם פּלאַץ, וואָס זיי האָבען געמאַכט פאַר זייער היים און איך בין אַוועק צו זיי.

איך האָב שיער נישט געבראָכען האַלז און נאַקען, איידער איך האָב זיך אַרויפגעקראַבקעט אויפ'ן באַרג, אַן אויסגעלאָשענער וואולקאַן, וואו זיי האָבען זיך איינגעאָרדענט זייער היים. זיי האָבען זיך אויסגעבויט אַ שטיבעל אינמיטען אַ וועלדעל פון לעמאָן-בוימער, אַרומגעצוימט מיט אַ פּאַרקאַן פון קלעצער און גרויסע שטיינער און שטיקער פון פערקיהלטע לאַווא. ס'האָט אויסגעזעהן ווי אַ שלאָס פון אַ פערצייטיגען פּריץ, נישט קיין וואוינונג פון א ראָבינזאָן קרוזאָ. דערצו איז דער דאַך געווען פון פערראָסטעטע אייזערנע בלעך, וואָס האָט דערמאָהנט אָן דער הייטיגער אינדוסטריעלער שטאָט און נישט די נאַטור.

צוקומענדיג צו זייער הויז, האָב איך געהערט זינגען דעם דייטשען נאַציאָנאַלען הימן, זענען גלייך אַרויסגעלאָפען צוויי נאַקעטע מענשען, אַ מאַן און אַ פרוי, מוטער-נאַקעט. די הויט איז געווען טונקעל-ברוין, גוט פערברענט פון דער זון. ווי זיי האָבען מיך דערזעהן, האָבען זיי אַ שריי געטון פון איבערראַשונג און גלייך אַריינגעלאָפען אין הויז.

אין אַ ווײַלע אַרום זענען זיי אַרויסגעקומען, דער מאַן אין לייוונטענע הויזען און אַ העמד, און די פרוי אין אַ העל-בלויער באַוועלנער קליידעל. איך האָב געקענט זעהן, אַז זי האָט אַרויפגעכאַפּט דאָס קליידעל אויפ'ן נאַקעטען לייב.

פערבלייבען שטרענגע וועגעטעריאַנער האָבען דאָקטאָר ריטער און דאָרע קאָרווין נישט געקענט דאָרט. דאָס איז ווייט נישט אַזוי לייכט אויף אַנ'אינזעל. אמת, אין דעם וואַרימען קלימאַט פון די טראָפּישע געגענדען אַרום עקוואַטאָר, ווי אויף די גאַלאַפּאַגאָס-אינזלען, וואַקסען שטענדיג, אַ גאַנץ יאָהר, פרוכטען אויף די בוימער. אָבער נאָך איידער זיי ווערען צייטיג, קומט אַ פויגעל אָדער אַ וואָרים און מאַכט זיי קאַליע. פערקעהרט: פיש, פויגעל און חיות קען מען דאָרט צו יעדער צייט פאַנגען און מ'קען דעם גאַנצען יאָהר לעבען פון די שפייז. דעריבער טרעפט מען נישט קיין וועגעטעריאַנער צווישען די דאָרטיגע ווילדע איינוואוינער.

דאָקטאָר ריטער איז טאַקע אויך געצוואונגען געווען צו האַלטען הינער און עסען זייערע אייער.

וואָס אַנבעלאַנגט גרינסען, האָט מיר דאָקטאָר ריטער דערצעהלט, אַז די האָבען דאָרט גרויסע צרות פון דעם. זיי זייען גרינסען ביי זיך אין גאָרטען, אָבער ווילדע חיות קומען ביינאַכט און פרעסען עס אויף איידער דאָס וואַקסט נאָר אויף. ווילדע אייזלען און ווילדע אָקסען פרעסען אָפּ די בלעטלעך פון די גרינסען, און די ווילדע חזירים ריהען אויף די וואָרצלען און פרעסען עס אויף.

בכלל האָבען זיי גרויסע צרות פון די ווילדע חיות. אויף דעם אינזעל זענען פאַראַן ווילדע אָקסען, אייזלען, חזירים, הינט, קעץ — אַלע אין אַ ווילדען צושטאַנד. פון וואַנען זיי האָבען זיך דאָרט גענומען איז נישט בעקאַנט. מיט אַ פופציג יאָהר צוריק האָט מען געמאַכט אַ פערזוך צו קאָלאָניזירען דעם אינזעל, אָבער די קאָלאָניסטען האָבען עס באַלד אַוועקגעוואָרפען. האָבען זיי מסתמא איבערגעלאָזען זייערע בהמות, פערד, חזירים, הינט און קעץ, וועלכע האָבען זיך ווייטער געפלאַדעט און מיט דער צייט פערווילדעט געוואָרען.

די ערשטע צייט האָט דאָס פּאָרעל שרעקליך געליטען פון די דאָזיגע ווילדע חיות. גאַנצע סטאַדעס אייזלען, חזירים, הינט, און קעץ קומען ביינאַכט און צושטערען דעם פּאַרקאַן און פרעסען אויף אַלץ, וואָס זיי געפינען. הגם דאָקטאָר ריטער און דאָרע קאָרווין זענען הייסע וועגעטעריאַנער, איז דאָרט ביי זיי אויסגעוואַקסען געוואָרען דער געפיהל פון „צער-בעל-חיים" און זיי זענען גרויסע שונאים פון די חיות.

די ערשטע צייט האָבען זיי גאַנצע נעכט נישט געשלאָפען, דאָקטאָר ריטער שיסט אויף די חיות צו פערטרייבען זיי. די חזירים בעהמט קיין קויל נישט. די פעל איז אַזאַ האַרטע און גלאַטע, אַז די קויל שפּרינגט אָפּ, אויב זי טרעפט אַביסעל אין דער קרום. און אַפילו ווען מ'טרעפט גלייך, דרינגט די קויל אַריין נישט טיף, און ס'שאַדט נישט פיל דעם חזיר.

די ווילדע אייזלען האָבען יעדע נאַכט צובראָכען דעם הילצערנעם פּאַרקאַן. איצט האָט מען שוין דעם פּאַרקאַן בעפעסטיגט מיט שווערע שטיינער און גרויסע שטיקער פערהאַרטעוועטע לאַווא, און דאָך געפינען די אייזלען ערגעץ אַ שוואַכען פּלאַץ און צושמעטערען עס. אַ גאַנצע נאַכט דרעהען זיי זיך אום אַרום פּאַרקאַן מיט ווילדע קולות און לאָזען נישט שלאָפען, מאַכען גערודער.

די ווילדע קעץ מיאַאוקען אויך די גאַנצע נאַכט און דאַקוטשען דעם לעבען. די הינט וואַרפען זיך אויף די קעץ, וועלכע אַנטלויפען פון זיי און דראַפּען זיך שנעל אַרויף אויף די בוימער.

די ערגסטע צרות אָבער האָבען זיי פון די ווילדע חזירים. זיי זענען נישט אַזוי דום, ווי די אייזלען, זיי זוכען שטענדיג אויף ערגעץ אַ לאָך אין פּאַרקאַן און קריכען אַריין, און זיי מאַכען אַ תל פון עסענוואַרג.

ווייטער האָט מען אויך גרויסע צרות פון היישעריקען, אינזעקטען, פערשידענע פליגעלען, וואָס עסען אויף די גרינסען און פרוכטען.

קיין זאַך האָט זיך נישט אויסגעלאָזען, ווי זיי האָבען ערוואַרטעט, האָט דאָקטאָר ריטער דערצעהלט. ער איז זעהר ענטוישט אין זיין עקספּערימענט, און זי, זיין חברטע, נאָך מעהר.

דער סוף איז געווען, אַז דאָקטאָר ריטער און זיין בעגלייטערין דאָרע קאָרווין האָבען אַוועקגעוואָרפען דעם גן-עדן אויף די גאַלאַפּאַגאָס-אינזלען און זיך צוריקגעקעהרט קיין דייטשלאַנד.

לאָדזשער יודישער קאַמעראַל-טעאַטער
אַלעע 1-טער מאַי 2. דיר.: דוד צעלמייסטער און א. בעזמאַן.
גאַסטשפּילן פון לאָדזשער קאַמעראַל און קליינקונסט-טעאַטער „אררט"
קינסטל. אנפ.: מ. בראָדערזאָן.
היינט, דאָנערשטאג — נור 1 פאָרשטעלונג: אָנהויב 9.45 אָוונד
4-טע וואָך! דאָס גרויסע 24-טע רעקאָרד-פּראָגראַם א. נ. 47-טען מאָל
מ'לאַכט פון דער וועלט
אין 2 טיילן 14 בילדער
טעקסטען: מ. בראָדערזאָן, י. אַבעזשאַנעק, ש. א. לישעל. מוזיק: דוד בייגעלמאַן,
מאַק-דזשוועל און פאָליקס מאָטיווען. דעקאָראַציעס און קאָסטיומען: דינה מאַטיס.
רעזשי: ש. דושיגאַן און י. שומאַכער. בינע-אינספּעקציע: מ. קאַן.
עס בעטייליגען זיך (לויט א"ב): ש. גאָלדשטיין, מרים דאָלסקאַ, ש. דזשיגאַן, שיינע מרים, צילי סטאַל. מ. פּעטערמאַן, מ. פּולאָווער,
מ. קאַן, י. שומאַכער, י. שיפער און א קינסטל. טאַנץ-קוואַרטעט
די קאַסע איז אָפען פון 6 א זייגער אין אָוונד.
אין פראַבען: אין פראַבען:
דאָס 25-טע יוביליי-פּראָגראַם פון „אררט"

דער בעריהמטער דיריגענט
אַרטור ניקיש



צו זיין 10-טען יאָהרצייט

מגפה פון זעלבסטמאָרדען אין רומעניען צוליב נויט

בוקאַרעשט, (יט"א) ביז נישט-לאַנג האָט מען נאָך אין רומעניען נישט געקענט די פערשרייבונג פון מאַסען-זעלבסטמאָרדען צוליב ווירטשאַפטליכער נויט. די לעצטע וואָכען זענען נאָטירט געוואָרען מעהרערע פאַלען פון זעלבסטמאָרדען פון יודישע קליינהענדלער און זיבענבירגען, בעסאַראַביען און בוקאָווינא. די פּאַניק נעהמט שוין אויך אַרום די קרייזען פון גרעסערע יודישע געשעפטס-אונטערנעהמונגען. די טעג איז אין פאַקשאַן בעגאַנגען זעלבסטמאָרד דער יודישער אייזען-סוחר הערמאַן פאַגעל, איינער פון די אָנגעזעהענסטע סוחרים פון דער שטאָט. די סיבה פון זעלבסטמאָרד איז געווען דאָס, וואָס צוליב אַ חוב פון 700 טויזענד ליי, איז זיין הויז אויסגעשטעלט געוואָרען אויף ליציטאַציע.

מאַנע קאַץ קומט קיין פּוילען

פּאַריז, (יט"א) דער בעריהמטער יודישער מאָלער מאַנע קאַץ קומט אינגיכען קיין פּוילען, וואו ער וועט איינאָרדנען אַ רייה אויסשטעלונגען אין וואַרשא, לאָדז, קראָקא, לעמבערג און ווילנע.

קלאַנג-קינא-טעאַטער
APOLLO
היינט און פאָלג. טעג!
גלאָקען-ציהער פון נאָטר-דאַם
גרויסער מעכטיגער קלאַנג-פילם
פון VICTOR HUGO
אין דער הויפּט-ראָלע:
LON CHANEY
אָנהויב אין געוו. טעג 4 נאָכמיטאָג,
שבת און זונטאָג—12 א זייגער בייטאָג.

זאַכען

(דערצעהלונג)

– פון –

ב. פּילניאַק.

לעבען טייך, אַ שטילען, אַ זילבער-נעם, איז געשטאַנען אַ שטאָט פון שטיין, אַ שלאָס, קלויסטערס, מויערען, גאַסען, געברוקירט מיט גרויסע שטיינער, אין אַ ליקל שטעהט אַנ'איינגעאָרענדיג הויז, [illegible]וריס, מיט צוויי גרינליכע קאָלאָנעס, מיט פערד' אויף דער וועראַנדע. הינטער'ן הויז — אַ פערלאָזטער סאַד, וואו אַ חוץ בעז און גרינע אלול-עפּעלעך בליהט דאָרט גאָרנישט. אינעווייניג איז ס'הויז קליין, אין פראָנט — דריי צימערען, די סטעליעס — נידעריגע, די ווענט — דיקע, די דילען געשניטען אין לעקעלעך. לעבען די פענסטער — בלומען. אין מיטעלסטען צימער, וואו די טיר פיהרט אונטער די קאָלאָנעס, שטעהט אַ פּיאַנאָ.

מיט דרייסיג יאָהר צוריק איז געקומען אַהער צו פאָהרען אַ מיידעל, אַ יונגע, אַ פריילעכע, ס'זענען דורך דרייסיג יאָהר, די שטיינער פאַר'ן הויז, וואו מען האָט זי העמאָלט געפלאַסטערט זענען איצט פערוואַקסען מיט גראָז, לינקס, האָט מען דעם בראַנפעד-ברויז איבערגעאַרבייט אויף אַ קאַזאַרמע, וואו מען האָט בעגינען און צום שלאָפען-געהן אויסגעשפּילט זאָרעס. אויף דער שכנישער גאַס איז געגאַנגען אַ טראַמוואַי. די שטאָט איז זיך צעוואַקסען באַרג-אַרויף, איז פערקראָכען איבער'ן טייך, לעבען טייך, לעבען אייזענבאַהן-בריק, האָט אַ מיהל אויף וואַלצען זיך צעהידשעט. דרייסיג יאָהר זענען פערביי און די אַלטע פרוי אין שוואַרצען, מיט די גרויסע לאָקען, האָט געדאַרפט אַוועקפאָהרען — שוין אויף שטענדיג.

ס'איז געווען פריהלינג, בעז האָט געבליהט. באַרג-אַראָפּ, אין די נישט-טיפע ראָווען, האָבען לאַנדישען זיך פאַנאַנדערגעבליהט. זי, די אַלטיטשקע, האָט זיך געוואָלט דערמאָהנען וואָס ס'איז געווען. מען האָט נישט אַרויסגענומען די טאָפּעלטע פענסטער, זיי איבערגעלאָזט נאָכ'ן ווינטער. פסח-צייט האָט מען די פענסטער נישט צוגענומען — זיך געקליבען יעדען טאָג אין וועג אַריין — האָט זיך געזאַמעלט שטויב אויף די ראַמען, אויף די שויבען, זי האָט זיך דערמאָנט אַז צו אַכט-און-צוואַנציג יאָהר האָט זי זיך גענומען לערנען ענגליש. צו צוויי-און-דרייסיג — מוזיק. דעמאָלט טאַקע האָט זי געקויפט די פּיאַנאָ. ס'איז ביי איהר נישט געווען קלאָר — האָט זי עס געטון, זי זאָל קאָנען אויסקומען מיט'ן טאָג, זי זאָל זיין פערנומען? ענגליש האָט זי זיך נישט אויסגעלערנט, אין מוזיק איז זי ווייט נישט אַוועק. זיך אָפּגעשטעלט ביי „טשערני". דרייסיג יאָהר צוריק, ווען ס'זענען געווען חברטעס און אָנגענעהמע סודות. די אַלטע מומע האָט זי מיטגענומען אויף בעלער — טאַקע דעמאָלט איז זי עטליכע טעג געווען אַ כלה, דערנאָך האָט די מוהמע געקויפט אַ טאָפּעלט בעט אויף שפּרינגפעדערס (ס'איז נאָך וואָס אַריין אין דער מאָדע), אַ מירמעל-שטיינערנעם האַנט-פאַס און אַ וועק-זייגער, וואָס האָט אויסגעשפּילט „וועוועריצקע".

זי האָט געדאַרפט דורכפאָהרען גאַנץ רוסלאַנד, פאָהרען אין אַזאַ אַלט הויז, ווי איהר'ס, אין אַזאַ אַלטען שלאָס, זי זאָל דאָרט שטאַרבען. דער שטאָט-מאַן, וואָס האָט געקויפט ס'הויז, אין אַ פערפעצטען ראָק, אין לאַקירטע שטיוועל, האָט געצעהלט די שטיקער מעבעל מיט אַ בייטשעל, געקאַנקט איבער דער לאַקירטער כאַלעווע. ער האָט זיך געפיהרט ברייט, געצאָהלט די זעלבע פּרייזען, ווי מיט דרייסיג יאָהר צוריק און געזאָגט:

— איהר לאָזט די פּיאַנאָ אויך איבער? אויסגעצייכענט... מיר וועלען מאַכען איין חשבון.

און זי האָט אַלץ איבערגעלאָזט.

אַ טאָג פאַר'ן אָפּפאָהרען ווען אין דער מיט זאַל זענען שוין געשטאַנען בייכיגע קופערטס, צערפּרעסענע פון מייז, די צימערען זענען פול געווען מיט שמאַכטעס — האָט זי אין אונטערשטען שופלאָד פון איהר שרייב-טיש וואָס איז געשטאַנען אין שלאָפצימער, געפונען דריי בריוולעך, איינס איז געווען אַנ'אָנגעוואָרפען בריוועל צו דער שוועסטער, וואָס האָט געוואוינט ביי דער וואָלגע. ס'בריוועל האָט זי קיינמאָל נישט אָפּגעשיקט:

„ווען דו וועסט דורכפאָהרען סאַמאַרע, גריס די שטאָט, וואָס האָט געגעבען מ. ד. דער וועלט... עס איז מיר אומעטיג. כ'פיהר אַ גרוי לעבען. כ'לערן זיך ענגליש. ווייסט, היינט איז יוני 24— ווען עס בליהען פּלאַנצען, וואָס בעהמען צו ס'מזל, כ'מיין דעם „פּאַפּאָרטניק" צוויט".

דאָס בריוועל איז געווען געשריבען מיט דריי-און-צוואַנציג יאָהר צוריק, זיבען יאָהר נאָך דעם ווי זי איז געוואָרען אַ כלה, און מ. ד. — יענער — ער.

אויפ'ן צווייטען בריוועל, געשריבען אויף אַ שטיקעל פּאַפּיר, אָהן אַ דאַטע, איז געשטאַנען:

„29 סעפּטעמבער. ניין-און-צוואַנציגסטען ,29, 29... מ. ד., מ. ד..... מיכאַאיל, מיכאַאיל".

ניין-און-צוואַנציגסטען סעפּטעמבער, דרייסיג יאָהר צוריק האָט מען געבראַכט די האַנט-פאַס, דאָס בעט און דעם וועקער, און אין דעמזעלבען טאָג אין אָוונד, האָט זי אויפגעהערט צו זיין אַ כלה...

דאָס דריטע בריוועל איז געווען אַ חשבון, וואָס יורגענסאָן האָט צוגעשיקט פון מאָסקווע, ווען מען האָט ביי איהם געקויפט די פּיאַנאָ.

ס'איז געווען פאַרנאַכט. ווען זי האָט געלייענט די בריוולעך, זי איז געשטאַנען מיט די דריי פּערגעלטע פּאַפּירעלעך צווישען די דינע פינגער, וואָס האָבען זיך געבויגען אין די גאָלדענע פינגערלעך. דערנאָך האָט זי געעפענט איהר האַנט-וואַליזקע, די דריי בריוולעך האָט די אַלטיטשקע פערשטעקט אויפ'ן דעק-וואַליז, וואו ס'זענען געלעגען סלאָיקעס קאָסמעטיק, נאָטאַריעלע פּאַפּירען, וועקסלען, גאָלד און אַז זי איז פערטיג געוואָרען, איז זי אַוועק אין סאַד אַריין, וואו בעז און לאַנדישען האָבען געבליהט.

זי איז צוריקגעקומען אין שטוב אַריין מיט פערווייגטע אויגען, ס'נאָז-טיכעל ביי די ליפּען, אַנאיינגעהויקערטע, אַ פערעלטערטע איז זי אַריין אין שלאָפצימער, זי האָט זיך אַ שטעל געטון פאַר'ן האַנט-פאַס אויף די קני, אַ קוש געטון דעם מירמעלשטיין, זי איז צוגעגאַנגען צום וועקער, איהם צוגעדריקט צום האַרץ, צום שלאָבערדיגען ליידיגען האַרץ, זי איז אַריין אין זאַל, געבליבען ליגען דערנאָך האָט זי געעפענט איהר האַנד-וואַליזקע, מיט'ן קאָפּ אויפ'ן לאַקירטען צודעק פון דער פּיאַנאָ. לאַנג איז זי אַזוי געלעגען, זיך קיין ריהר נישט געטון, דערנאָך האָט זי אָפּגעשפּילט אַ נאַריש דייטש לידעל „אונטער די לינדען".

דער שפּראָך אויף טאָג איז געווען רוים און קלאָהר.

אין דער פריה, ווען דער שטאָט-מאַן איז זיך געקומען געזעגענען, האָט די אַלטיטשקע חרטה געהאַט. זי האָט געשלעפּט איבער גאַנץ רוסלאַנד די האַנט-פאַס, ס'בעט, דעם וועקער, וואָס האָט געשפּילט „וועוועריצע" די פּיאַנאָ און צוויי ענגלישע ביכער, איין בוך איז געווען אַ גראַמאַטיק.

צייטווייליג האָט זיך אין הויז בעזעצט דער שטאָט-מאַן, ער האָט געוואַרט אויף אַ קונה, ער האָט געהאַקט דעם פערלאָזטען סאַד און געהייצט דערמיט די אויוועס.

ווי די פרויען לעבען אין היינטיגע יאפאן

קארעספאנדענץ פון יאפאן, געשריבען פון א דייטשער שריפטשטעלערין. — דעם ארט, וואס די פרוי פערנעהמט דארט. — די פרוי לעבט נאך אלץ נאר פאר'ן מאן

עס איז אַ פּיקציע אַז אין אַ יאַפּאַנעזישער היים איז שטיל און רוהיג, אַז דעם שכן פערוויילט זיך שפּילען די ראַדיאָ איז נישטאָ קיין רייד פון פערסיפען זיך אין אַנ'ערנסטען בוך. דערצו פערשפּרייט נאָך דער קולטור־מיניסטעריום רעדעס און מוזיק אויף די גאַסען־ווינקעלעך.

די הויז־פרוי מוז זיין גרייט צו דינען יעדען מינדסטען וואונש פון איהר מאַן, ווען ער קומט אַהיים פון דער אַרבייט. נאָר ווי אַזוי קאָן זי זיך האַלטען פריש און אָנציהענד אַזוי, אַז זי זאָל פערטרייבען זיינע זאָרגען, ווען זי איז פערהאָרעוועט פון ביטאָג אַרבייט? איהר מאַן קאָן גלייך במערקען, אַז עס פעהלען אין איהרע ווערטער די עכטע וואַרימקייט און סימפּאַטיע און די בעציהונג, וועלכע ער פאָדערט אַלס זיין רעכט. נאָכדעם ווי זי האָט איהם דערצעהלט די גאַנצע נייעס וועגען די קינדער, איהרע באַלעבאַטישע פליכטען, איהרע פינאַנצען און וועגען די שכנים, האָט זי שוין אויסגעשעפּט אַלע איהרע טעמעס. דער מאַן פון זיין זייט, ברענגט נישט אַריין קיין נייע אינטערעסען, ווייל ער האַלט אַז בלויז מענער זענען אינטעליגענט און קאָנען פערשטעהן, וואָס הייסט געשעפט. דער געוואַלדיגער קאַמף צו מאַכען אַ לעבען, וואָס איז נאָך מעהר פערשאַרפט געוואָרען צוליב דער אייראָפּעאישער קאָנקורענץ, האָט אָנגעלייגט אַ שווערען יאָך אויפ'ן יאַפּאַנעזער, עס פעהלט איהם דעריבער געדולד און ענערגיע צו פערוויילען זיין פאַמיליע און זיך פעראינטערעסירען אין איהרע אינטערעסען.

די יאַפּאַנעזישע פרוי עקזיסטירט נאָר צוליב איהר מאַן. איהרע אייגענע פערלאַנגען און געדאַנקען מוז זי פערבאָרגען צוליב זיין „וואוילזיין“.

זי בעגעגענט איהם ווען ער קומט אַהיים. גרייט צו די קליידער און די באָד, נעהמט צו זיינע זאַכען וועלכע ער לאָזט איבער אויף די שטרויענע קישענס, ברענגט איהם עסען אויף אַ נידעריגען טיש, באָט איהם אָן דאָס און יענס, און קלייבט־אויף וואָס ער וואַרפט אָן. אויב זי האָט נישט קיין דינסט, איז זי אַ גאַנצען טאָג פערנומען, דאָס הייסט, זי איז שטענדיג אויף די קניה, זי האָט דערפאַר ענטוויקעלט קרעפטיגע, בויגזאַמע מוסקולען, אין דעם איז איהר מקנא די אייראָפּעאישע פרוי. זי קוקט מיט קנאה אויף די גראַציעזע בעוועגונגען פון איהר יאַפּאַנעזישער שוועסטער, אויף איהר קניהען זיך, אויף איהר שלאַנקער פיגור. ווען עס קומט אָן דער אָוונט, איז זי, אָט די אָריענטאַלקע, נאָך מעהר אויסגעמאַטערט ווי די אייראָפּעאישע פרוי, און זי איז דערפאַר גאָר נישט געשטימט צוצופּאַסען זיך צו די קאַפּריזען פון איהר מאַן.

די יאַפּאַנעזישע פרוי מוז זיין אַ גוטע מוטער, אַ גוטע שנור, און'איסער דעם וואָס זי איז אַ גוטע באַלעבאָסטע. אַזוי ווי זי קאָן נישט האָבען קיין מיינונגס־פערשידענהייט בנוגע איהר מאַן און שווינגער, אַזוי אויך דאַרף זי בלויז העפליך אָנפרעגען דעם עלטסטען זוהן, דעם „באָטשאַן“, וואָס איז זיין פערלאַנג. אַפילו די גרעסטע טעכטער פערשטעהען נישט איהר לאַגע און פיהלען איהר ווייניג מיט. סיילוויז זענען אין דעם שולדיג די נייע מנהגים, שולדיג זענען אויך די מוטערס, וועלכע זוכען צו ערציהען זייערע טעכטער לויט דעם אַלטמאָדישען אידעאַל, צו זיין בלויז אַ גוטע, טרייע ווייב.

צוליב די אויסגערעכענטע בעדינגונגען פון דעם היים איז די טענדענץ פון דעם מאַן צו אַנטלויפען וואָס מעהר פון דער היים, ער זוכט אויס פערוויילונגס־פּלעצער, טיי־הייזער, וואו די באַלעבאָסטעס, קעלנערינס, גיישאַ־מיידלעך שאַפען פאַר איהם אַ וועלט פון קינסטליכער פרייד. נאָר אַפילו די גיישאַ איז מאָדערניזירט אין היינטיגען יאַפּאַן. זי מוז נאָכפאָלגען דעם דראַנג נאָך מאָדערנע אינטערעסען. אין אָסאַקאַ (אַ שטאָט) האָט מען איינגעריכטעט אַ טאַנץ־זאַל און אַ „באַר“ וואו עס איז אָרגאַניזירט געוואָרען אַ גיישאַ שול. דאָ מוזען זיך די גיישאַס אויסלערנען די לעצטע אייראָפּעאישע טענץ, כדי נישט צו בלייבען הינטערשטעליג. די אַלטמאָדישע גיישאַ פערשווינדט, איצט קאָן אַ סטודענט אָדער אַנ'אָנגעשטעלטער פאַר אַ קליינער מטבע זיך בעזאָרגען מיט אַ „יאַקיו“ אַ קעלנערין־פערוויילער, און אויף אַזאַ אופן פערגעסט ער אָן דער יוגענדליכער מעלאַנכאָליע.

דער געזעץ אין יאַפּאַן איז דורכאויס פּאַרטייאיש צום מאַן. אויב זיין פרוי האָט נישט קיין קינדער, קאָן ער אַדאָפּטירען אַ קינד, און אויב זי האָט יאַ קינדער, קען ער זיי אָפּגעבען צו אַדאָפּטירען. לויט דעם אַלטען לעהרער פון די כינעזער און יאַפּאַנעזער, קאָנפוציוס, איז עס אַ הייליגע פליכט פאַר אַנ'אָרימאַן מקריב צו זיין זיינע קינדער דורך לאָזען זיי אַדאָפּטירען פון פאַמיליעס, היינט צו טאָג ווערט די טראַדיציע אויסגענוצט כדי אָנצוהאַלטען די ליניע פון דער פאַמיליע. ווען רייכע עלטערן האָבען אַ בת־יחידה, קלייבען זיי פאַר איהר אויס אַ „יאַשי“ (אַ מאַן) וועמען זיי אַדאָפּטירען אַלס זייער זוהן, דאָס אייגענטום בלייבט אויף אַזאַ אופן אין דער פאַמיליע און די געשעפטען ווערען אָנגעפיהרט פון דעם נייעם מיטגליד, דערפאַר עקזיסטירען אין יאַפּאַן אַזוי פיל פאַמיליעס דערהויפּט פון דער קעניגליכער משפחה, וועלכע שטאַמען פון דער אור־אַלטער פערגאַנגענהייט.

כאָטש אַ זוהן איז אַ בילכערע סחורה, ווייל ער טראָגט דעם פאַמיליען־נאָמען איז אַ טאָכטער מעהר אָנגעלייגט אין אַנ'אָרימער פאַמיליע, ווייל מען קען פאַר איהר קריגען מזומן, פאָטערס פעדינגען די טעכטער פאַר אַ געוויסער צאָהל יאָהרען פאַר אַ בעשטימטער סומע צו גיישאַ אינסטיטוטען, פרעהליכע הייזער און פאַבריקען, אין די ערשטע צוויי פאַלען בעצאָהלט מען זיי לויט דער שעהנקייט פון דער מיידעל.

אין דעם דאָזיגען וואוילען געשעפט בעטייליגט זיך אויך די רעגירונג דורך דעם, וואָס זי לייגט אַ שטייער אויף יעדער טראַנזאַקציע. אַדאָפּטירען לוינט זיך זעהר גוט פאַר'ן אינטעליגענטען און פעהיגען געשעפטסמאַן. די אַזוי גערופענע „פאַטערס“ פון אַנ'אַדאָפּטירטע טעכטער קאָנען אויסנוצען זייערע טעכטער ווי עס געפעלט זיי נאָר. ביז איצט האָט זיך קיין יאַפּאַנעזישע פרוי נישט געקאָנט בעשיצען פון דעם שיקזאַל, וועלכען אַזאַ פאַטער האָט פאַר איהר בעשטימט.

נישט לאַנג צוריק האָט זיך אַ צוועלף־יאָהריגע מיידעלע דערטרונקען. ווייל איהר אַדאָפּטירטער פאַטער האָט איהר געוואָלט פערקויפען אין אַ גיישאַ־הויז. די שרעק פאַר אַזאַ סאָרט לעבען האָט איהר געטריבען צו זעלבסטמאָרד. בעת דער אמת'ער שולדיגער, דער פאַטער, אַ פוילער שיכור, איז אַרויס אָהן שטראָף, אַנ'אַנדער פאַטער האָט פערדונגען זיין דרייצעהן־יאָהריגע אַדאָפּטירטע טאָכטער צו אַ גיישאַ־הויז פאַר פיר יאָהר פאַר זיבען הונדערט יען (350 דאָלאַר), ווען דער טערמין האָט זיך געענדיגט האָט ער דעם אָפּמאַך בענייט אויף נאָך צוויי יאָהר געגען דעם ווילען פון דער מיידעל. געזעצליך האָט זי איהם נישט געקאָנט פערקלאָגען. איז זי ענטלאָפען אין אַ געזעלשאַפטליכער אַגענטור, זיי זענען אָבער געווען הילפלאָז איהר צו העלפען ווייל געזעצליך איז זי געווען פערפליכטעט צו דעם מאַן, וועלכער האָט איהר אַדאָפּטירט, פונדעסטוועגען האָט זי געפאָדערט אַ פּראָצעס, און אַ נס איז געשעהן צום ערשטען מאָל אין דער יאַפּאַנעזישער געשיכטע האָט דאָס געריכט בעפרייט אַ טאָכטער די עקספּלואַטאַטאָרישע הענד פון איהר געזעצליכען פאַטער, און דערמיט אָנערקענט די יחידישע [illegible] פון דער פרוי.

דער פּרעצעדענט האָט צעריסען די קייטען, [illegible] וועלכע עס זענען געלעגען פערשקלאַפט טויזענדער אַדאָפּטירטע זיהן און טעכטער אין יאַפּאַן. אָט [illegible] אַלע טויזענטער האָפען איצט אויף בעפרייאונג פון אַ לאַנגען, שטומען מאַרטירערטום, אַנ'אַלטער יאַפּאַנעזישער שפּריכוואָרט זאָגט: „זאָל אונז דער הימעל בעשיצען פון דונער, ערד־ציטערניש און פאָטערס“. ענדליך ווערט אפשר דאָס לעצטע וואָרט אויסגעמעקט ווערען.

מאַרע פּיפּער.

שפּייז און טובערקולאָז

— פון —
דר. ט. באַלדואן

די דיעטע שפּילט אַ וויכטיגע ראָל סיי אין דער פערהיטונג געגען טובערקולאָז און סיי אין דער בעהאַנדלונג פון שוין פאַרהאַנענע פאַלען פון אַט דער קראַנקהייט.

ווי מען ווייסט שוין איצט, איז טובערקולאָז דער דירעקטער רעזולטאַט פון שלעכטע לעבענס־בעדינגונגען, שלעכטע שפּייז, שלעכטע וואוינונגס־צושטאַנדען, נישט גענוג אָפּרוהע, מאַנגעל אין פרישער לופט און נישט גענוגענדע קערפּערליכע גיבונג שוואַכען אָפּ די ווידערשטאַנדס־קראַפט געגען דעם טובערקולאָזען באַציל.

אונטערזוכונגען ביים פּאַלמעסען טויטע האָט בעוויזען, אַז די מאַיאָריטעט פון מענשען איבער 30 יאָהר, האָבען שוין ווען־עס־איז געהאַט אין זייערע קערפּערס דעם טובערקולאָז־באַציל. די ווייטערע ענטוויקלונג אָדער די בעהאַנדלונג פון דער קראַנקהייט איז שוין אָפּהענגיג פון דער ווידערשטאַנדס קראַפט פון דעם אָנגעגריפענעם געגען דעם דאָזיגען באַציל.

סטאַטיסטישע ציפערען צייגען ווייטער, אַז אַט די קראַנקהייט קומט צום מייסטען פאָר צווישען די, וואָס זענען געצוואונגען צו לעבען אונטער נידעריגע לעבענס־בעדינגונגען ביז דער גרעסטער טייל קרבנות דורך דער קראַנקהייט קומט פאָר צווישען יונגעלייט, וואָס האַלטען נאָך אין וואַקסען און צווישען די, וואָס זענען אין זייערע ערשטע דערוואַקסענע יאָהרען.

עס איז דאָ אַ געוויסע שייכות צווישען די צוויי גרופּען. אָרימקייט מיינט אָרימע לעבענס־בעדינגונגען, וואָס פערורזאַכען אַ שוואַכע ווידערשטאַנדס־קראַפט. די יאָהרען פון בחור'שאַפט און פון ערשטער פול־יעהריגקייט זענען אָפט די פעריאָדען פון אָנגעשטרענגטען לעבען, וואָס שוואַכט אויך אָפּ דעם ווידערשטאַנד.

פאַר אַלע יונגע פערזאָנען איז די צייט פון זייער בחור'שאַפט אַנ'אומרוהיגע. דער בחור אָדער דאָס מיידעל זענען שוין אַרויס פון זייער קינדהייט. עס האָט זיך אָבער ביי זיי נאָך נישט ענטוויקעלט די גייסטיגע און קערפּערליכע רייפקייט, וואָס מיינט פול־יעהריגקייט, ווען די דאָזיגע אויסגלייכונג פון די גייסטיגע און קערפּערליכע בעדינגונגען קומט פאָר, איז דער קערפּער אונטער אַנ'אָנגעשטרענגטקייט, וואָס איז טיילווייז פיזיש און טיילווייז נערוועזיש, אַ סך געזונדטע שפּייז און לאַנגע אָפּרוה־שטונדען זענען דאַן זעהר נויטיג פאַר'ן וואוילזיין פון אָט דער יונגער פערזאָן. אַ שלעכטע דיעטע, שפּעט אויפזיין ביינאַכט, צופיל שטודירען, שוואַכען אָפּ אין דער קריטישער צייט די ווידערשטאַנדס־קראַפט. דער רעזולטאַט — עס הויבט אָן לויערן טובערקולאָז.

עס זענען דאָ נאָך אַנדערע געפאַהרען אין אָט די צייטיג־ווערענדיגע יאָהרען. דער יונגער מאַן, אָדער דאָס יונגע מיידעל הויבען דאַן אָן זייער ערנסטע אויפגאַבע פון מאַכען אַ לעבען. זייער לוין איז געוועהנליך אַ קליינע און די אַרבייטס־שטונדען זענען לאַנג. דער רעזולטאַט איז אָפט — אַ פערבישופ'טער קרייז — אָרימקייט און קערפּערליכע שוואַכקייט. אַ חוץ דעם זענען נויטיג געוויסע צופּאַסונגען צו זייער נייעם לעבענס־שטייגער, ווען די יונגע מענשען טרעטען אַריין אין דער געשעפטס־ אָדער אַרבייטס־וועלט. נאָכדעם ווי זיי זענען שוין אַרויס פון זייערע קינדער יאָהרען. אָדער פון זייער פריהערער יוגענד, מוזען זיי זיך צופּאַסען צו דער רוטינע, וואָס איז נויטיג צום אָנהאַלטען אַ שטעלע, זייענדיג נאָך יונג, קאָן אַזעלכער, אָדער אַזעלכע נאָך נישט ריכטיג אָראַנזשירען זייער אייגענעם לעבענס־שטייגער. די אָרימקייט, די מידקייט און די שלעכטע צופּאַסונג זענען דאַן די פאַקטאָרען, וואָס העלפען אָפּשוואַכען די ווידערשטאַנדס־קראַפט, און ווידער קאָן זיין דער רעזולטאַט — טובערקולאָז.

דאָס בילד ענדערט זיך, ווען עס גייט צו אויף אַ פערקעהרטען אופן. ווייל פונקט ווי שלעכטע לעבענס־בעדינגונגען פיהרען צו דער ענטוויקלונג פון טובערקולאָז, אַזוי קאָנען גוטע לעבענס־בעדינגונגען געגען דעם בעשיצען. און דער וויכטיגסטער פאַקטאָר דערביי איז די דיעטע.

מיר ווייסען זעהר גוט, אַז אַ ברייטע פערשידענאַרטיגקייט פון איינפאַכע, געזונדטע שפּייזען איז דורכאויס נויטיג פאַר'ן גוטען געזונד. איז, אויב עס איז דאָ אַ געפאַהר פון טובערקולאָז, פאַר אַלעמען נויטיג אַ ריכטיגע דיעטע אין באַלאַנסירטע פּראָפּאָרציעס. די ווידערשטאַנדס־קראַפט מוז בעפעסטיגט ווערען, און איינע פון די בעסטע מיטלען דאָס צו דערגרייכען איז אַ געהעריגע דיעטע.

מילך איז די וויכטיגסטע און דורכאויס נויטיגע שפּייז. די, וואָס זענען אין אַ סכנה פון טובערקולאָז זאָלען וואָס מעהר דערפון געברויכען. פּאַקטיש דאַרף יעדער פון אונז טרינקען אַ סך מילך— כאָטש אַ קוואָרט אַ טאָג פאַר דערוואַקסענע אַזוי גוט ווי פאַר קינדער.

די דיעטע, וואָס ווערט איינגעאָרדענט פאַר דער אויפבויאונג פון דער ווידערשטאַנדס־קראַפט, דאַרף אויך אין זיך איינשליסען היפּשע פּאָרציעס פלייש, פיש, אייער, פּוטער, קעז, גרינסען, גרינצייג און פרוכטען.

און פונקט ווי אַ פערשטאַרקטער ווידערשטאַנד קאָן פערהיטען פון טובערקולאָז. אַזוי מוז אויך די קראַנקהייט אַליין בעקעמפט ווערען דורך אויפבויען די ווידערשטאַנדס־קראַפט פון'ם פּאַציענט.

לופט-פלאָטען פון די גרויסע מלוכות



לויט די אפיציעלע דאטען פון פעלקער-בונד (פאקטיש איז די צאהל בעדייטענד העכער)

שאנטאזשירט אלובלינער זינדיג ווייבער

פערברענגט מיט א „ווארשאווער סוחר“ אין א האטעל און איהם א „רעשט“ געגעבן 80 דאלאר

אַ זייער פּיקאַנטע מעשה דערציילט מען איצט אין לובלין.

פעראַן אין לובלין אַ געוויסע יודישע פרוי, שוין נישט גאָר פון דער ערשטער יוגענד, אָבער דאָך גענוג שעהן און טעמפּעראַמענטפול, אַ טאָכטער פון אַ בעקאַנטע יודישע פאַמיליע אין לובלין, אַ מוטער פון אַ קינד און אַ פרוי פון אַ מאַן, וועלכער איז אויך בעקאַנט אין לובלין, בעת דער עסטרייכישער אָקופּאַציע איז דאָס ווייבעל געווען אַ בעריהמטע „קאָמענדיאַנטקע“, ד.ה. געשטאַנען אין אַ נאָהענטען קאָנטאַקט מיט די כלערליי „קאָמענדאַנטען“ און געפועלט אַלדאָס גוטס.

שוין דעמאָלט האָט מען גענומען דאָס ווייבעל אין אַ פּליאָטקע קרייז און מען האָט וועגען איהר דערציילט „וואָס אין דער קאָרט“, אין די לעצטע צוויי יאָהר האָט מען גענומען פערשפּרייטען אַ קלאַנג, אַז דאָס ווייבעל פערברענגט מיט געסט, אָבער זיי מוזען זיין געקליבענע מענשען, און דער עיקר רייך.

האָבען די לובלינער קאָמבינאַטאָרען גענומען דאָס ווייבעל אויפ'ן אויג, און איהר געגעבען אַזאַ לעקציע, אַז זי וועט שוין אפשר זיך אַרומזעהן, אַז זי מעג שוין ענדליך רעזיגנירען פון איהר שטורמיש לעבען.

די קאָמבינאַטאָרען האָבען אַראָפּגעבראַכט זייערס אַ „גוטען ברודער“ פון וואַרשאַ. אַ יונגערמאַן, עלעגאַנט געקליידעט, מעשה רייכער סוחר. דער יונגערמאַן האָט שוין געוואוסט, ווי אַזוי זיך צו שטעלען אין קאָנטאַקט מיט יענעם ווייבעל און סוף־כל־סוף האָט זי ביי איהם אָפּגעשטאַט אַ וויזיט אין איינעם פון די לובלינער האָטעלען.

פאַר'ן געזעגענען זיך האָט דער „וואַרשאָווער סוחר“ איהר פאָרגעלייגט צו נעהמען ביי איהר אַ הלוואה פון 20 דאָלאַר. דאָס ווייבעל איז דאָך טאַקע געקומען דער עיקר נאָך דער... „הלוואה“ און זי איז בעשטאַנען צוצונעהמען די 20 דאָלאַר.

דער „סוחר“ האָט איהר דערלאַנגט אַ באַנקנאָט פון 100 דאָלאַר און געבעטען אַ רעשט. האָט אָבער דאָס ווייבעל נישט געהאַט ביי זיך קיין געלד און זי האָט דעריבער געבעטען דעם סוחר, אַז ער זאָל מיט איהר מיטפאָהרען אַהיים, וועט זי איהם דאָרט געבען 80 דאָלאַר. די 100 דאָלאַר האָט זי אַריינגעלייגט אין טאַש און אין עטליכע מינוט אַרום איז שוין דער סוחר געווען ביי איהר אין שטוב, בעקומען אַ רעשט 80 דאָלאַר און איז פערשוואונדען.

ווען דער מאַן איז שפּעטער אַהיים געקומען און די פרוי האָט איהם דערלאַנגט דעם 100־דאָלאַריגען באַנקנאָט האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער באַנקנאָט איז אַ געפעלשטער, אָבער אַזוי געמיין געפעלשט, אַז מען האָט געדאַרפט זיין בלינד, כדי דאָס נישט צו זעהן.

דאָס ווייבעל האָט געמאַכט אַ שווייג, אָבער די אונטערוועלט אַליין דערצעהלט איצט די מעשה איבער דער גאַנצער שטאָט.

שייטלען מיט פּאַריזער שרינדעי
ווי אויך פערטיגע שייטלען
צו ביליגע פרייזען
ביי פרוי ב. פּאַרזשוצקאַ, קאַמיענאַ 5
2-טער הויף, לינקס 2-טער שטאָק.

מיטוואך
יט
27
שבט תרצ"ב

יאנואר
זון-אויפגאנג 7.33
זון-אונטערגאנג 4.03

צוגאב-פאבאר-קאמיסיע

(א) דאנערשטאג, דעם 28 ד. ח. האלב 9 אינדערפריה הויבט אן צו אמטירען אין לאקאל אויף אלעיא קאשטשושקי 21 די צוגאב-פאבאר-קאמיסיע פון יאהר 1910 און עלטערע, וועלכע האבען זיך ביז איצט נישט צוגעשטעלט צו א מיליטער-איבערזיכט און האבען נישט רעגולירט זייער מיליטער-דינסט.

עס דארפען זיך צושטעלען די פאבאראוועס וואס זענען אנגעהעריג צו פ.ק.או. לאדז-שטאט 2, ד. ה. אזעלכע, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 1, 4, 6, 7, 10, 12, 13 און 14 פאליציי-קאמיסאריאט, און וואס האבען בעקומען אנ'אינדיווידועלע אויפפאדערונג פון דער שטאטישער סטאראסטווע.

צי וועט פלייש ווערען ביליגער?

(2) ווי מיר דערוויסען זיך, האט דער מאגיסטראט איבערגעשיקט א בריף צום פליישער-צעך, אז ער זאל דורכפיהרען א גענויע קאלקולאציע פון די פרייזען אויף פלייש און פלייש-אויסארבייטונגען, ווייל דער מאגיסטראט האלט, אז די פרייזען אויף די דאזיגע ארטיקלען מוזען רעדוצירט ווערען.

די פליישער האלטען נישט דערפון, און זאגען, אז דער מאגיסטראט שטיצט זיך אויף נישט גענויע אויסרעכענונגען.

מארגען, דאנערשטאג, וועט אין מאגיסטראט פארקומען א קאנפערענץ וועגען דעם ענין, און די פראגע וועט ענדגילטיג ערלעדיגט ווערען.

קאנפערענץ אין ז. ז. פ.

(2) נעכטען איז אין לאקאל פון קארטעל ז. ז. פ. פארגעקומען א צווישענפעראיינס-קאנפערענץ מכוח'ן פעראייניגען אלע 3 פעראיינען — די 2 קריסטליכע מיט דעם יודישען אין איין פערבאנד.

אויף דער קאנפערענץ איז בעשלאסען געווארען אויסצוּוועהלען פון יעדען פעראיין צו דריי פארשטעהער, בכדי צו בילדען א צווישענפעראיינס-קאמיסיע, וועלכע זאל אדורכפיהרען די פעראייניגונג.

אונאפהענגיג דערפון איז בעשלאסען געווארען די קומענדיגע וואך צוזאמענצורופען א מיטינג פון אלע פריזיער-ארבייטער.

א הארבע שטראף פאר פאלשע 50 גראשען

(א) די 46-יאהריגע חיה אונגערמאן (פון ראקיטשינער 29) איז נעכטען פערמשפט געווארען דורכ'ן שטאטישען געריכט אויף 3 חדשים טורמע פאר וועלען אויסברענגען ביי א קניה אויפ'ן מארק פאלשע 50 גראשען.

פון האנדעלס-געריכט

רעגולאציע-אפמאך פון דער ווידז. מאנופאקטור" מיט די קרעדיטארען בעשטעטיגט דורכ'ן געריכט

קאנפעקציע-פירמע „העגריך פפעפער" בעט א „נאדזור"

ווי מיר האבען שוין מיטגעטיילט, האט די „ווידזעווער מאנופאקטור" זייגער צייט זיך געווענדעט צום האנדעלס-געריכט מיט א ביטע צו פערלענגערען דעם „נאדזור" אויף ווייטערדיגע 3 חדשים, און צוליב דעם, וואס די ווידז. מאנופ. האט אויסגעקליבען דעם וועג צו סאנירען די אונטערנעהמונג דורך א צוויי-מאליגען פראלאנגירען דעם „נאדזור", וועט די פירמע לויט'ן אוסטאוו מוזען צאהלען די פולע 100 פראצ. פון די חובות.

מיט עטליכע טעג שפעטער, האט די ווידז. מאנופ. צוריקגעצויגען די ביטע וועגען פראלאנגירען דעם „נאדזור", מחמת זי וועט נישט קענען בעצאהלען די פולע הונדערט פראצענט אין משך פון 9 חדשים. דער איינציגער אויסוועג איז א רעגולאציע.

אין צוזאמענהאנג דערמיט, האט דער בעפולמעכטיגטער פון דער „ווידז. מאנופ." אדוו. פיכנא דעם 19 יאנואר ד. י. אריינגעטראגען אין געריכט א צווייטע ביטע, צו דערלויבען דער פירמע אנ'עפענטליכען רעגולאציע-אפמאך מיט די קרעדיטארען פון די פראפאזיציע-פארשלאגען וואס זענען צוגעלעגט געווארען צו דער ביטע איז אזוי זעהען, אז די ווידז. מאנופ. קען העכסטענס בעצאהלען 50 פראצ. פון די חובות צאהלבאר אין 4 ראטעס אין משך פון צוויי יאהר, אנהויבענדיג פון 1-טען יאנואר 1933. די ווידז. מאנופ. האט דערביי אנגעוויזען, אז אויב ס'וועלען זיך געפינען אזעלכע קרעדיטארען, וואס וועלען מסכים זיין אויסצוצאהלען זיי די חובות אין משך פון 10 יאהר, וועלען זיי בעקומען די פולע הונדערט פראצענט. אויב א העלפט פון די בעלי-חובות וועלן איינגעהען אויף דער פראפאזיציע, וועט דאס געריכט דעם אפמאך בעשטעטיגען.

דער טערמין פון בעטראכטען די ביטע איז דאן בעשטימט געווארען אויפ'ן 26-טען ד. ח.

נעכטען האט זיך דאס האנדעלס-געריכט ווידער בעשעפטיגט מיט דעם ענין „ווידזעוו" דער. נייער בילאנס, וואס די פירמע האט צוגעשטעלט צום געריכט אויפ'ן 31-טען דעצעמבער פ. י. שליסט זיך מיט א סומע פון 130 484 578 זל.

אויף דער נעכטיגער זיצונג פון האנדעלס-געריכט האבען זיך געמאלדען מעהרערע אדוואקאטען. אין נאמען פון דער „ווידז. מאנופ." איז ארויסגעטרעטען אדוו. פיכנא, אין נאמען פון די קרעדיטארען פינקוס און קורצאווסקי (פון ווארשא) און פון לאדז די אדוואקאטען: ציגאנסקי, מאנטלאק, ווייצמאן און פאזנאנסקי. אויף דער געריכט-פארהאנדלונג זענען אויך אנוועזענד געווען די געריכטס-אויפזעהער, וועלכע האבען געגעבען ערקלערונגען.

נאכ'ן אויסהערען די אדוואקאטען און געריכט-נאדזארען, האט דאס געריכט די ביטע פון דער „ווידז. מאנופאקטור" בעשטעטיגט, און בעשטעטיגט צו עפענען אנ'עפענטליכען רעגולאציע-אפמאך אויף די פון דער פירמע פארגעלעגטע פראפאזיציעס.

צוליב דעם, וואס דאס געריכט האט בעשטעטיגט דעם רעגולאציע-אפמאך, ווערט אויטאמאטיש פארלענגערט דער „נאדזור" ביז די רעגולאציע וועט אנגענומען ווערען פון די קרעדיטארען. אין צוזאמענהאנג דערמיט מוזען אלע קרעדיטארען מעלדען זייערע פרעטענזיעס אין די טערמינען, וואס וועט זיי מיטגעטיילט ווערען דורכ'ן געריכטס-קאמיסאר גראס. נאכ'ן אפלויף פון דעם קאנטראל-טערמין וועט פארקומען א פערזאמלונג פון די קרעדיטארען, אויף וועלכער ס'וועט דעצידירט ווערען, צי די פארגעלעגטע פראפאזיציע פון דער „ווידז. מאנופאקטור" קען אנגענומען ווערען.

* * *

נעכטען האט דאס געריכט פערעפענטליכט אנ'אויפאדלאשטש דער פירמע „הורט- און דעטייל-פערקויף פון אייזען אין לאדז" (11 ליסטאפאד 44) וועלכע האט מיט א חודש צוריק זיך געווענדעט צום געריכט מיט א ביטע וועגען א „נאדזור".

די ביטע וועגען „נאדזור" איז נישט אנערקענט געווארען מחמת די פירמע האט אליין די ביטע צוריקגעצויגען. נישט קוקענדיג אויף דער רעזיגנאציע, איז דער בילאנס נאך דעם ווי ער איז רעווידירט געווארען, פערקלענערט געווארען פון 214,717 זל. אויף 210,399 זל.

איצט האבען א גאנצע רייהע קרעדיטארען זיך געווענדעט צום געריכט מיט א ביטע, דער דערמאהנטער פירמע צו פערעפענטליכען אנ'אויפאדלאשטש, און דעם אינהאבער ה' קרעל איינצוזעצען אין תפיסה.

דאס געריכט האט זיך בעגרעניצט מיט דעם, וואס קרעל ווערט געשטעלט אונטער פאליצייאישער אויפזיכט.

* * *

אויף דערזעלבער זיצונג, האט די פירמע „העגריק פעפער", גאלאנטעריע און מענער-קאנפעקציע-געשעפט (פעטריק. 111) זיך געווענדעט צום געריכט מיט א ביטע וועגען א „נאדזור" אויף 3 חדשים.

די פירמע „פעפער", וועלכע עקזיסטירט אין לאדז שוין 17 יאהר, איז איינע פון די בעדייטענדסטע אין דער קאנפעקציע-בראנזשע אין לאדז און אין דער סביבה. אין די מאטיווען גיט די פירמע אן א גאנצע רייהע סבות. צווישען אנדערען ווייזט די פירמע אויף, אז די סחורות. וואס געפינט זיך אויף לאגער אין גרויסע סכומים, האט אין משך פון די לעצטע צייט פערלוירען 50 פראצ. פון דער ווערט.

דער בילאנס אויפ'ן 31-טען דעצעמבער ד. י. שליסט זיך מיט דער סומע 462,217 זל. די אקטיוון שטייגען איבער די פאסיוון מיט א סומע פון 186,089 זל.

אפגעווארפען די רעקורסען געגען די קהלה-וואהלען אין לאדז

דער סטאראסטא האט נעכטען ארויסגעגעבען אנ'ענטגילטיגע דעציזיע

(—) ווי בעקאנט האבען בעת די קהלה-וואהלען אין לאדז, וועלכע זענען פארגעקומען דעם 27. מאי פערשידענע ריכטונגען אפגעגעבען רעקורסען געגען די וואהלען, אזעלכע רעקורסען האבען אפגעגעבען די ציוניסטען, אומפארטייאיש-רעליגיעזע, פאלקיסטען און די ווירטשאפטליכע גרופע. די פאלקיסטען און ווירטשאפטליכע גרופע האבען שפעטער צוריקגעצויגען די רעקורסען און ס'זענען נאר פערבליבען די רעקורסען פון די ציוניסטען, וועלכער איז אונטערגעשריבען דורכ'ן פערטרויאונגס-מאן ה' מארכעוו און פון די אונפארטייאיש-רעליגיעזע, וועלכער איז אונטערגעשריבען געווארען דורך ה' מ. שאליט.

אין די רעקורסען איז אנגעוויזען געווארען אויף פערשידענע מיסברויכען, וועלכע זענען בעגאנגען געווארען בעת די וואהלען און ס'איז פערלאנגט געווא־ען צו אנולירען די אדורכגעפיהרטע וואהלען פון 27 מאי.

צוליב די דאזיגע אנקלאגען האט די לאדזער סטאראסטווע אדורכגעפיהרט אנ'אויספארשונג, ארויסגערופען פיל עדות און ענדליך האט דער שטאטישער סטאראסטווע נעכטען ארויסגעגעבען א דעציזיע, אין וועלכער די אנקלאגען ווערען אפגעווארפען.

אויף דער דעציזיע פון סטאראסטע קענען נאך די פאראינטערעסירטע אפגעבען א רעקורס אין דער וואיעוואדזטווע אין פערלויף פון 14 טעג פון טאג ווען זיי וועלען די דעציזיע בעקומען.

ווידער א שטרייק פון די חותמים

אין באלוטער שעכט-הויז

ווי בעקאנט איז מיט 2 חדשים צוריק פארגעקומען א שטרייק פון די חותמים אין באלוטער שעכט-הויז. דער שטרייק איז אויסגעבראכען צוליב דעם, וואס די שוחטים האבען נישט אויסגעצאהלט די שכירות די חותמים און די שוחטים זענען שולדיג געווען זייערע אנגעשטעלטע א גרויסע ס'מע געלד.

דער ראבינאט און ועד-הכשרות האבען דעמאלס אינטערוועניערט און ס'איז ארויסגעגעבען געווארען א פסק, אז אויף ווייטער מוזען די חותמים בעקומען פינקטליך אויסגעצאהלט זייערע שכירות און פאר דעם אלטען חוב זאלען זיי בעקומען פון די שוחטים וועקסלען.

די שוחטים האבען אבער דעם אפמאך נישט געהאלטען און האבען נישט אויסגעצאהלט דעם אלטען חוב, הים כמעט אלע חותמים דראהט עקסמיסירט צו ווערען פון זייערע וואוינונגען, ווייל זיי האבען נישט געצאהלט קיין דירה-געלד.

די אינטערווענץ פון ראבינאט און ועד הכשרות האט דאסמאל נישט געהאלפען און דעריבער האבען די חותמים פון באלוטער שעכט-הויז ווידער פערשטרייקט.

אנ'אויטא-קאטאסטראפע

(2) נעכטען איז געשעהן אנ'אויטא-קאטאסטראפע אויפן וועג צווישן ראדאמסק און בזשעזשניצא.

דער אויטא איז געפאהרען מיט א שטארקען אימפעט אין דער ריכטונג צו פיעטרקאוו.

אין א געוויסען מאמענט, ביים פערקירעווען איז דער אויטאמאביל ארייגעפאלען אין א גרוב און איז צושמעטערט געווארען.

דערביי איז שטערבליך פערוואונדעט געווארען דער שאפער פראנציסעק פלוטא.

די 3 פאסאזשירען זענען אפגעקומען מיט לייכטע וואונדען.

א מאגיסטראט-בעאמטער פערמשפט

אויף א האלב יאהר פאר דעפרוידאציע

(2) דאס קרייז-געריכט האט נעכטען בעטראכט א פערשווענדונג-פראצעס, וועלכער איז פערפיהרט געווארען געגען דעם מאגיסטראט-בעאמטען וואצלאוו בארקאווסקי.

דער דאזיגער יונגערמאן האט פערשווענדעט 1549 זלאטיס מאגיסטראט-געלדער, וואס ער האט איינקאסירט פון דער באהן-סטאציע לאדז-קאלישער (שטייער פון באהן-לאדונגען).

לכתחילה האט ער גע'טענה'ט, אז ער האט 900 זל. געבארגט א געוויסען שפּס אין דעם נאכט-רעסטאראן „מולין רוזש", און יענער האט איהם דעם גמילות חסד נישט צוריקגעגעבען.

דאס האט זיך ארויסגעוויזען פאר א באבע-מעשה, און לסוף האט זיך בארקאווסקי מודה געווען אין זיין פערברעכען.

הגם זיינע קרובים האבען די פערשווענדעטע סומע צוריק-איינגעצאהלט אין מאגיסטראט, האט ער דאך בעקומען 6 חדשים צו זיצען.

וויפיל שרפות האבען מיר געהאט פאראיאהרען?

(2) לויט א סטאטיסטיק פון די לאדזער פייערלעשער זענען זיי אין יאהר 1931 ארויסגערופען געווארען אין 433 שרפה-פאלען (אין 1930 זענען געווען 406 שרפות).

דער רוב שרפות איז געווען אין מערץ (50) און די קלענסטע צאהל — אין אויגוסט (25).

קלעפסידרעס
צו זעהר ביליגע פרייזען
בעהמט אז די דרוקעריי פון
„נייעם פאלקסבלאט"
די קלעפסידרעס ווערען איז משך פון 1 שעה אויסגעפערטיגט
און פונאנדערגעקלעבט איבער דער שטאט.

גרויסע שׂרפות

(2) נעכטען ביינאַכט איז אָפּגעברענט געוואָרען דער פאָלוואַרק ניעדזשוויאַדי (אין [illegible] פּאָוויאַט), וואָס געהערט צו א געוויסען עדמונד מיכאַלסקי.

דער היזק בעטרעפט אַנ'ערך הונדערט טויזענד זלאָטעס.

מען האָט אַרעסטירט דעם לאַדזשער איינוואוינער באַלעסלאַוו אַנדזשעיעווסקי (זאַווישאַ 19), וועלכען מען איז חושד, אַז ער האָט דעם פאָלוואַרק אונטערגעצונדען, אויס נקמה, ווייל מיכאַלסקי האָט אויף איהם אָנגערייצט הונד און איהם אַרויסגעטריבען.

2 יודען צובּיסען פון הונד

(2) פּאַגאָטאָוויע האָט נעכטען ערטיילט הילף אין 2 פאַלען פון צוביסען ווערען דורך הינט:

אויף קעלמא 21 האָט א הונד צוביסען דעם 13 יעהריגען משה רובינשטיין און אויף קאָפּערניקא 55 האָט א הונט צוביסען אַ געוויסען משה טעלער (פון פּיעטרקאָווער 189).

ביידע הינט זענען דורך דער פּאָליציי דערשאָסען געוואָרען.

געהיימנישפולער אנפאל אויף א האַנדעלס-אַגענט

(2) נעכטען איז נעבען ניי-טאַרגאָווא 26 בעפאַלען געוואָרען דער 39-יאָהריגער האַנדעלס-אַגענט לעאָן גאָראַכאָוו (פון קראַשעווסקעגאָ 10).

די געהיימנישפולע אָנפאַלער האָבען איהם צובראָכען 3 ריפּען און צוקאַליעטשעט דאָס פּנים.

אין אַ שווערען צושטאַנד האָט מען איהם אָפּגעפיהרט אין שפּיטאָל.

פּאָליציי זוכט די אָנפאַלער.

אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון לעגיאָן א.נ. פון בערעק יאָסעלעוויטש

היינט, קומט פאָר אין לאָקאַל פון לעגיאָן א. נ. פון פּולק. בערעק יאָסעלעוויטש די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון די מיטגלידער. עס ווערט אויסגעוועהלט אַ פערוואַלטונג און רעוויזיאָנס-קאָמיסיע.

פון פעראיין „נושאי המטה וגמלת חסדים"

אונטערן פאָרזיץ פון ה' יצחק זאַלק איז פאָרגעקומען די יעהרליכע גענעראַל-פערזאַמלונג פון פעראיין. נאָכדעם בעשטעטיגען פון קאַסע- און טעטיגקייטס-בעריכט איז אויסגעוועהלט געוואָרען די פערוואַלטונג: יוסף כ. שאַנאָוויטש, יצחק מאיר זדונסקי, יחיאל יצחק בערמאַן, בנימין מאַראַקאַ, מאָטעל מונק, הערש אָפּענבאַך, ראובן גורקעוויטש, ליפּא ביין, אברהם מענדל ווײַנטרויב, אלי ווייסמאַן, יצחק זאַלק, לייב טשעכאָטא. קאַנדידאַטען: אברהם פּאָמעראַנצענבלום, זלמן ציטרין, גבריאל קעפּלער, רעווידיר-קאָמיסיע, בעריש דאָבזשינסקי, יודא בערמאַן, יוסף זילבערמאַן, קאַנדידאַטען: געציל זשיכלינסקי, ישראל יצחק טענצער.

פּרעז. זשעמיענצקי און וו.-פּרעז. ראַפּאַלסקי אָפּגעפאָרען קיין וואַרשע

(2) היינט אין דערפריה פאָהרען אַרויס קיין וואַרשע דער שטאָט-פּרעזידענט זשעמיענצקי און דער וויצע-פּרעזידענט ראַפּאַלסקי.

די פּרעזידענטען פאָהרען אַרויס, אַלס רעפּרעזענטאַנטען פון לאָדז אויפ'ן צוזאַמענפאָהר פון די פּוילישע שטעט, וואָס קומט פאָר אין וואַרשאַ.

אויף דעם דאָזיגען צוזאַמענפאָהר ווערט אַרומגערעדט ווערען די פראַגע פון פערברייטערען די קאָמפּעטענץ פון דער זעלבסטפערוואַלטונגס-מאַכט.

* * *

איבערגעפאָהרען אַ פּראָווינצער יודישען סוחר

(2) נעכטען אין די אָוונט-שעה'ן האָט א טאַקסובקע, אָנגעפיהרט פון'ם שאָפער סטאַניסלאַוו שאַבלעווסקי (טאַרגאָווא 77) איבערגעפאָהרען דעם 41-יאָהריגען סוחר חיים-יאָסעל כאַיטלער (פון סראַמפּאַלנע, לובלינער פּאָוויאַט).

ער איז שטאַרק צושעדיגט געוואָרען, און דער רעכטער פוס איז איהם צובראָכען.

פּאַגאָטאָוויע האָט איהם אָפּגעפירט אין שפּיטאַל.

דער שאָפער איז אַרעסטירט.

א פאָטער-מערדער

איז פערמשפט געוואָרען אויף 6 יאָהר תפיסה

(2) נעכטען איז פאַר'ן היגען קרייז-געריכט געשטאַנען דער 23-יאָהריגער פעליקס טיבורסקי, וועלכער איז בעשולדיגט געוואָרען, אַז דעם 26. נאָוועמבער האָט ער אין דאָרף אָפּעניו, לענטשיצער פּאָוויאַט, דערהרג'עט זיין פאָטער, דעם 65-יאָהריגער איגנאַץ טיבורסקי.

דער זוהן האָט דערהרג'עט זיין פאָטער, מחמת יענער האָט איהם נישט געוואָלט געבען עסען, נישט האַלטען אין שטוב, און געפאָדערט, ער זאָל אליין פערדינען.

נישט אַכטענדיג דערויף, וואָס סיי די מוטער זיינע סיי דער ברודער האָבען ערקלערט פאַר'ן געריכט, אַז איגנאַצי טיבורסקי האָט געהאַט זעהר אַ ביטערען כאַראַקטער, און מען איז פון איהם אויסגעשטאַנען ביטערע צרות – האָט דאָס געריכט פערמשפּט דעם פאָטער-מערדער אויף 6 יאָהר טורמע, מיט אָפּנעהמען ביי איהם אַלע רעכט.

שינקאַ האָט מיאוס אָפּגעשניטען

וויעטשאָרעק, סטאַלאַזש'ן און שקלאַנעק'ן איז עס אָראָפּ גלאַט

(2) דעם 5 יולי פ. י. איז מען בעפאַלען אויף נאָפּיורקאָווסקיעגאָ 132 א געוויסען לעאָן גערליטש, וועלכער האָט זיך גראַד צוריקגעקעהרט א שיכּור'ער פון א מאַיובקע, פאָכענדיג דערביי מיט אַ זעלנע'ישען באַגנעט, וועלכען ער האָט בשעת געקויפט צו... האַקען האָלץ.

די אָנפאַלער האָט משמעות פערדראָסען זיין „דראָהענדיגע שטעלונג" און זיי האָבען איהם אַזוי צושמיסען דעם קאָפּ מיט מעסערס, אַז אַ האַלב יאָהר איז ער דערנאָך אָפּגעלעגען אין שפּיטאָל.

נעכטען זענען דעריבער געשטאַנען פאַר'ן געריכט 4 שקצים: וואַצלאַוו וויעטשאָרעק, לעאָן סטאַלאַזש, מיעטשיסלאַוו שקלאַנעק און יוזעף שינקאַ. אלס בעשולדיגטע אין צורעכט-מאַכן גערליטש'ן.

דער סוף איז געוועזן, אַז בלויז שינקאַ האָט בעקומען 2 יאָהר צו זיצען.

די איבריגע זענען געוואָרען פרייגעשפּראָכן.

גרויסע גנבה אין „אָרדט"

פאַריגע נאַכט האָבען זיך גובים אַריינגעקריגען אין די אַרטיסטען-גאַרדעראָבען פון „אָרדט" (אַל. 1 מאַי 2) און אַרויסגעטראַגען פערשידענע רעקוויזיטען, מלבושים און מוזיק-אינסטרומענטען פאַר א גרעסערע סומע געלד.

אין „אָרדט"

היינט ווערט געשפּילט דער סענסאַציאָנעלער פּראָגראַם: מלאכה פון דער וועלט".

די פאָרשטעלונג איז לטובת דער געז. „אָוונט-קורסען".

65 מאָל „א האַרץ וואָס בענקט"

אין פאָלקס-טעאַטער

היינט קומט פאָר אין פאָלקס-טעאַטער (זגערזשער 17) אַ גראַנדיעזע פאָרשטעלונג ס'ווערט געשפּילט מיט'ן אַנטייל פון דעם גאַנצען אַנסאַמבל פון פילהאַרמאָניע און קאַמעראַל-טעאַטער. די סענסאַציאָנעלע פּיעסע וואָס געהט שוין 65 מאָל מיט אַנ'אויסערגעוועהנליכען ערפאָלג „א האַרץ וואָס בענקט" צום שלוס ווערט געגעבען אַ פּרעכטיגער דיווערטיסמענט מיט אַנטייל לאָלאַ יאַקובאָוויטש, באַלבירסקי, הערשקאָוויטש, רובינאַ.

אַפּטייקען

היינטיגע נאַכט-דיזשורען

(2) היינט ביינאַכט דיזשורירען: ש. יאַנקעלעוויטש (אַלטער מאַרק 9) ל. שטעקעל (לימאַנאָווסקעגאָ 37) ב. גלוכאָווסקי (נאַרוטאָוויטשאַ 6) ס. האַמבורג (גלובאָ 50) פּאַוולאָווסקי (פּיעטרקאָווער 307) א. פּיאַטראָווסקי (פּאָמאָרסקאַ 91).

היינט זינגט גרשון סיראָטאַ

היינט מיטוואָך, 8.30 אָוונד ערוואַרט דאָס יודישע לאָדז און די ליבהאָבער פון יודישער נגינה אַ זעהר אַנגענעהמען סיורפּריז. עס טרעט אויף אין פילהאַרמאָניע זאַל מיט איין איינציגען קאָנצערט דער וועלט בעריהמטער גרשון סיראָטאַ. סיראָטאַ האָט זיך לכתחילה געווידמעט דער חזנות און זיך בעמיהט אויפצוהויבען די חזנות אויף אַ העכערע מדרגה, ער טרעט אויף אויף קאָנצערטען, אָבער זיין אמת'ער אָרט איז דער עמוד.

אויפ'ן היינטיגען קאָנצערט טרעט אויך אַרויס די בעריהמטע לירישע זינגערין די טאָכטער פון גרויסען קינסטלער פּרל. העלענאַ סיראָטאַ, וועלכע וועט אויספיהרען די שענסטע פּערל פון הער געזאַנג-קונסט.

אין היינטיגען פּראָגראַם וועלען די קינסטלער אויספיהרען צווישען אַנדערע: חזנ'ישע מאָטיוען, יודישע פאָלקס-לידער און ווי אָפּערן-אַריען.

ביים קלאַוויר וועט זיצען דער זוהן נפתלי סיראָטאַ.

היינט — דער דיכטונג-אָוונד פון ישעיהו שפּיגעל אין „וויזאַ"

היינט, מיטוואָך, 9 אָוונד, קומט פאָר אין לאָקאַל פון יודישען פּרויען-פערבאַנד „וויזאַ", שענקעוויטשאַ 26 אַנ'אָוונד געווידמעט דער יודישער דיכטונג.

מיט א רעפעראַט א. ד. ט. „דער אידעען-קאַמף אין דער יודישער דיכטונג" טרעט אַרויס דער יונגער דיכטער ישעיהו שפּיגעל.

דער רעפעראַט וועט געבען אַנ'אָפּשפּיגלונג פון די אַקטועלסטע ליטעראַטור-פּראָבלעמען און פון די אידעען-קאַמפּפען, וואָס קומען פאָר אין דער מאָדערנער יודישער פּאָעזיע.

נאָכ'ן רעפעראַט וועט דער דיכטער לייענען זיינע אייגענע שאַפונגען.

2 וואָרט-קאָנצערטען פון הערץ גראָסבאַרד

פרייטאָג און שבת קומען פאָר אין לאָדז 2 וואָרט-קאָנצערטען פון דעם בעקאַנטען וואָרט-קינסטלער און רעציטאַטאָר הערץ גראָסבאַרד. דער ערשטער קאָנצערט קומט פאָר אין זאַל פון שטאָט-ראַט און דער שבת'דיגער אין זאַל פון „אַזאַ" נאַרוטאָוויטש 20.

גראָסבאַרד וועט אין די דאָזיגע קאָנצערטען אַרויסטרעטען מיט די בעסטע פּערל פון דער יודישער ליטעראַטור אין זיין פּרעכטיגער אינטערפּרעטאַציע.

ראַדיאָ-פּראָגראַם

מיטוואָך. דעם 26 יאַנואַר 1932

11,58 ציימסיגנאַל, 12'10 גראַמאָפאָן, 3,45 בערזע, 3,50 גראַמאָפאָן, 4,20 פּאָרלעזונג, 4,40 גראַמאָפאָן, 4,55 לעקציע ענגליש, 5,10 פּאָרלעזונג 5,35 מוזיק, 6,50 פערשידענעס 7,15 פּאָסט-קעסטעל, 7,30 רעפּערטואַר, 7,45 ראַדיאָ-פּרעסע, 8.00 פעליעטאָן, 8 15 קאָנצערט, 9.00 ליטעראַרישע פערטעל שעה, 9,15 פון לעמבערג, 10.30 קאָמוניקאַטען, 10,40 פון אויסלענדישע ראַדיאָ-סטאַציע.

היינט 16.20 וועט ה' וואַנטשורא דערצעהלען וועגען „דעם סיבירישען אויפשטאַנד פון פּוילישען לעגיאָן אין יאָהר 1866". די ראַדיאָ-הערער וועלען זיך דערוויסען ווי אַזוי עס איז געבויט געוואָרען די בייקאַלער באַהן-ליניע, דער אויפשטאַנד פון די פּאָליאַקען און זייער פּלאַן פון אַנטלויפען קיין מאָנגאָליען.

ר. איזראעל.

פּערעלע

81

א סענסאַציאָנעל-עראָטישער ראָמאַן פון דער לאָדזשער ווירקליכקייט

דער נייער גאַסט אין דער אַרעסט-קאַמער האָט גלייך בעקומען צוטרוי צו פּערעלען, וועלכע האָט זיך בעצויגען צו איהר גאַנץ אַנדערש, ווי די איבריגע, זי האָט גאַנץ אַנדערש גערעדט און אַפילו געהאַט אַ גאַנץ אַנדער'ן אויסזעהען, ע'ריבער האָט די יונגע פרוי זיך בעמיהט כסדר צו זיין אין דער נאָהענט פון פּערעלען.

— איהר קענט מיר גלויבען, האָט די יונגע פרוי זיך געווענדעט צו פּערעלען — נאָכדעם, ווי זי האָט זיך אַביסעל צוגעוואוינט צו דער קאַמער — איך האָב אויף מיר קיין שום שולד נישט. איך האָב גאָרנישט געטון אַזעלכעס, וואָס קוואַליפיצירט מיך דאָ אַהער.

— דאָס זאָגען אַלע, וואָס קומען דאָ אַריין. אַזוי זאָג איך אויך, יעדער פאַר זיך איז פערטיידיגט, אָבער פאַר אַנדערע איז שווער צו זיין גערעכט.

— דאָס איז אמת, איך האָב זיך וועגען דעם איבערצייגט אויף מיין אייגענער הויט.

— פאַרוואָס האָט מען אייך אַרעסטירט?

— דאָס איז אַ לאַנגע געשיכטע, האָט די פרוי אַרויסגעשטאַמעלט.

פּערעלע האָט בעמערקט, אַז די פרוי בעטראַכט זי אַזוי ווי זי וואָלט געוואָלט דערגעהען צי מ'קען צו איהר האָבען צוטרוי און האָט געזאָגט:

— איהר קענט צו מיר האָבען דעם פולסטען צוטרוי, איהר קענט מיר דערצעהלען אויב איהר ווילט, הגם העלפען וועל איך אייך גאָרנישט קענען.

— איך בין אינגאַנצען רעזיגנירט, איך האָב נישט קיינעם, וועלכער וואָלט מיר געקענט מיט עפּעס העלפען אָדער אַנ'עצה געבען. ס'וואָלט זיך אָבער געוואָלט אַזוי שטאַרק אַראָפּרעדען פון האַרץ, געפינען אַ פריינד, וועלכער זאָל פערשטעהען און מיטפיהלען, וועלכער זאָל געפינען אַ טרייסט.

די יונגע פרוי האָט דאָס אַרויסגערעדט מיט אַזוי פיל האַרץ און אויפריכטיגקייט, מיט אַזוי פיל בענקשאַפט און געפיהל, אַז פּערעלע האָט בעקומען רחמנות אויף דער פרוי, האָט זיך נעהנטער צוגערוקט צו איהר און געזאָגט:

— מיר זענען ביידע שטאַרק אומגליקליך, מיר געפינען זיך איצט אין דערזעלבער לאַגע אָהן אויסוועג. מיר קענען געווינען דעם צוטרוי איינע צו אַנדערען און לעבען פריינדליך איינער מיט דעם אַנדערן, דערצעהלט מיר ליבע פריינדין, וואָס דריקט אייך, איהר וועט אין מיר געפינען אַ פריינדין, אַ שוועסטער כל-זמן דער גורל וועט אונז דאָ צוזאַמען האַלטען.

די יונגע פרוי האָט אָנגעהויבען וויינען, זי האָט געפרובט זיך בעהערשען, אָבער די טרעהרען זענען איהר געפלאָסען איבער די באַקען אָהן אויפהער.

— וויינט נישט פריינדין, דאָ העט אייך קיינער נישט הערען, דאָ וועט אייך קיינער נישט פערשטעהען, די דאָזיגע גרויע, פינסטערע ווענד זענען אָהן רחמנות און אָהן פערשטאַנד, די בעהאַלטען אין זיך יעדע אָנקלאַגע אויף דער וועלט און אויף די מענשען אין דער וועלט. זיי שווייגען, הגם זיי וואָלטען געהאַט זעהר פיל צו דערצעהלען...

— זעהט נאָר ווי די האָבען זיך באַלד צונויפגעפּאָרט די צוויי אינטעליגענטקעס, האָט די „קופּצאָווא" בייז אַרויסגעברומט.

— הערט נישט וואָס די דאָזיגע מכשפה רעדט, האָט פּערעלע געזאָגט, איבעריגענס, איז זי גאָרנישט אַזוי שלעכט, ווי זי זעהט אויס און ווי זי וויל זיך אַרויסווייזען. זי איז שרעקליך פערדאָרבען, אָבער פאַר מיר האָט זי די גאַנצע צייט דרך-ארץ. זי ווייס און גיט זיך אָפּ אַ חשבון פון דעם, אַז איך בין אַנדערש ווי זי און זי קען נישט זיין מיין געזעלשאַפטס-לייטערין, פון צייט צו צייט נאָר לאָזט זי פון זיך הערען, איהר דאַרפט דער דאָזיגער „קופּצאָווא", ווי מען רופט זי, נישט פעראיבעל נעהמען.

— וואָס איז מיר פאַרא אונטערשיד, ווער זי איז און פון וואַנען זי איז, וואָס האָב איך דערפון, אַז איך שטאַם פון אַנ'אַדעליגער משפּחה, אַז איך האָב בעקומען אַ גוטע ערציהונג און געלעבט אין רייכטום. וואָס האָב איך דערפון, אַז איך האָב אַזוי שטאַרק געליבט און אַזוי שטאַרק געליבט געוואָרען? וואָס האָב איך דערפון, ווען איך האָב אַליין אויסגעטראַגען און אויסגעוועהלט די פרוכט פון מיין ליבע, ווען איך האָב געבוירען אַזאַ גאָלדען, זיסע יונגעלע. וואָס האָב איך פון דעם אַלעם, אַז איך קוק מיך איצט אַרום, וואו איך געפין זיך, און ווען איך טראַכט וועגען מיין [illegible].

איז דען נישט דער דאָזיגער „קופּצאָווא" פיל בעסער פאַר מיר. זי איז אַנדערש נישט געוואוינט און ווייס נישט וועגען עפּעס אַנדערש, זי טראַכט נאָר וועגען מאָמענטאַלען גליק, אויף אַ מאָמענט, אויף אַ רגע און דאָס גליק קען בעשטעהען אין אַ גרעסערע אָדער בעסערע שיסעל זופּ.

— איהר זאָלט אַזוי נישט רעדען. יעדער מענש האָט אַ האַרץ, יעדער מענש האָט אַ נשמה. און דאָס האַרץ פון יעדען איז ריין און ציכטיג. די נשמה און דאָס האַרץ ווערען אָבער דורך די אומשטענדען אַרומגענומען מיט בלאָטע און שמוץ, איינגעהילט אין אַ נעץ פון פערברעכענס און אויסגעלאַסענקייטען. און איך בין זיכער, אַז די נשמה און דאָס האַרץ ווילען זיך אַרויסרייסען פון דעם שמוץ, וועלכער איז אָבער אַזוי קלעפּיג, אַז ער קען זיך מעהר נישט אָפּטיילען.

— דאָס איז פילאָזאָפיע, דאָס לעבען האָט אָבער פיינד די פילאָזאָפישע און לאָגישע אויסרעכנונגען און פיהרט אַזוי ווי עס וויל, מיט מיר האָט דאָס לעבען געוואָרפען ווי מיט אַ פּילקע. איך בין געווען זעהר עקשנות'דיג, זיך אַ לאַנגע צייט אַקעגענגעשטעלט דעם גורל, וועלכער האָט מיך סוף-כל-סוף בעזיגט און שווער בעשטראָפט פאַר מיין עקשנות.

ביידע פרויען זענען אויף אַ ווײַלע שטיל געבליבען, יעדע האָט געטראַכט וועגען איהר אייגענער שווערער לאַגע, יעדע האָט זיך אָנגעהויבען צו דערמאָהנען איהרע איבערלעבענישען, ביז די יונגע פרוי האָט ענדליך געזאָגט:

— גוט, איך וועל אייך דערצעהלען וועגען מיין לעבען און מיינע איבערלעבענישען ביז איך בין אַריינגעפאַלען אין דעם אומגליק, אין וועלכען איך געפין זיך.

(פאָרטזעצונג קומט).

געגען אינפלאציע און דעוואלואציע

נעכטיגע זיצונג פון דער בודזשעט-קאמיסיע

וואַרשא, 26. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט) די בודזשעט-קאָמיסיע פון סיים איז היינט צוגעטרעטען צו בעטראַכטען דעם לעצטען בודזשעט פון פינאַנץ-מיניסטעריום. פאַר'ן צוטרעטען צום בודזשעט האָט גענומען אַ וואָרט דער פינאַנץ-מיניסטער יאַן פילסודסקי, וועלכער האָט אַקצענטירט דאָס פאַלען פון די הכנסות פון דירעקטע און אומדירעקטע שטייערען, דער מיניסטער זאָגט, אַז ס'וועלען געמאַכט ווערען אין אָרדנונג עטליכע שטייער-געזעצען ווי הכנסה שטייער און שטייער פון אומבעוועגליכע גיטער, וואָס וועט לייכטער מאַכען די אַריינטאַציע פאַר'ן צאָהלער. ס'ווערט פאָראויסגעזעהען אין היינטיגען בודזשעט-יאָהר אַ דעפיציט פון די שטייער-הכנסות אין דער הויך פון 21 פראַצענט, פון די מאָנאָפּאָלען אַ דעפיציט פון 23 פראַצענט, דער מיניסטער רעדט דאַן באַריכות אַרום די הכנסות פון יעדער אָפּטיילונג און מיניסטעריום בעזונדער.

נאָך דער רעדע פון מיניסטער האָט רעפערירט דעם בודזשעט דער דעפ. האַלענסקי (ב. ב.), דער רעדנער דערמאָהנט, אַז ס'הערען זיך איצט שטימען אין דער געזעלשאַפט, וועלכע פאָדערען אַן אינפלאַציע, דער רעדנער טרעט שאַרף אַרויס געגען דעם, ווייל דאָס וואָלט געקענט פיל שאַדען ברענגען דער מלוכה, פון גאָרנישט קען מען גאָרנישט שאַפען, מ'טאָר זיך אויך נישט אַראָפּנעהמען קיין ביישפּיל פון דייטשלאַנד, ווייל דייטשלאַנד שטיקט זיך איצט פון די פיל הלוואות וואָס זי האָט גענומען. כדי ס'זאָלען נישט אוועקגעהען קיין געלד אין אויסלאַנד האַלט דער רעפערענט, אַז ס'דאַרף שטרענג אָפּגעהיט ווערען דער צירקולאַר פון מיניסטער מאַטושעווסקי וועגען געהיימניש פון די דעפּאָזיטען אין די בענק, עס רעדט נאָך דער דעפּ. ריבאַרסקי (נ. ד.) און די זיצונג ווערט אָפּגעלעגט.

דער יודישער סטודענט וואלפין אין ווילנע

איז בעפרייט געווארען אויף קויציע

ווילנא, 26 (טעל.) דער יודישער סטודענט וואָלפין, וועלכער איז געזעסען איז טורמע בעשולדיגט אין דער געשיכטע מיט דער ערמאָרדונג פון וואַצלאַווסקין איז נאָך לאַנגע בעמיהונגען בעפרייט געוואָרען אויף 2000 זלאָטעס קויציע, דער צווייטער בעשולדיגטער יוד אין דעם ענין זאַלקינד זיצט ווייטער אין טורמע.

קלאנג-קינא-טעאטער
APOLLO
היינט און פאלג. טעג!
גלאקען-ציהער פון נאטר-דאם
גרויסער מעכטיגער קלאנג-פילם פון VICTOR HUGO
אין דער הויפט-ראָלע:
LON CHANEY
אָנהויב אין געוו. טעג 4 נאָכמיטאָג, שבת און זונטאָג—12 א זייגער בייטאָג.

60 טויזענד דייטשע דיפלאירטע אינטעליגענטען

האבען נישט קיין שום בעשעפטיגונג

בערלין, 26. (ספ. טעל.) לויט אויסרעכענונגען וואָס זענען לעצטענס פאַרעפענטליכט געוואָרען, געפינען זיך איצט אין דייטשלאַנד 60 טויזענד גע־ענדיגטע סטודענטען, וועלכע האָבען קיין שום בעשעפטיגונג נישט, צו דעם דאַרף מען נעהמען אין בעטראַכט, אַז אין דייטשלאַנד ענדיגען יעדעס יאָהר די אוניווערזיטעטען 30 טויזענד אַקאַדעמיקער.

קיין ענגליש-פראנצויזישע פערשטענדיגונג

וועגען די דייטשע ענטשעדיגונגס-אפצאהלען

פאַריז, 16 (ספ. טעל.) די ענגליש-פראַנצויזישע אונטערהאַנדלונגען וואָס ווערען געפירט אין פאַריז, כדי פעסטצושטעלען דעם טערמין פון דער קאָנפערענץ וועגען די דייטשע ענטשעדיגונגס אָפּצאָהלען, האָבען זיך נישט גערוקט אפילו אויף אַ שריט פאָראויס.

ענגלאַנד שטרעבט צונויפצורופען די קאָנפערענץ אין מאַי אָדער יוני און פאָדערט דעם געדאַנק צו געבען דייטשלאַנד אַ מאָראַטאָריום אויף עטליכע יאָהר. נישט לאַוואַל און נישט פלאַנדען זענען מסכים אויף די דאָזיגע פּראָיעקטען.

וואָס שייך דער בעגעגעניש צווישען מאַקדאָנאַלד'ן און לאַוואַל'ן, וואָס זי דערווייל צו גאָר-נישט דערפיהרען.

דער „קאמיטע פון 12” אין גענף

ברעכט זיך ווידער דעם קאפ וועגן כינעזיש-יאפאנישען קאנפליקט

גענף, 26 (ספ. טעל.) די זיצונג פון דער פעלקער-ליגע האָט זיך היינט אָנגעהויבען האַלב צוועלף איינדערפריה און האָט געדויערט אינגאַנצען 13 מינוט.

דאַן איז זיך צונויפגעקומען דער אַזוי-גערופענער „קאָמיטעט פון 12”, דאָס הייסט אַלע מיטגלידער פון ראַט אַ חוץ יאַפּאַן און כינא. אויף דער דאָזיגער זיצונג איז ווייטער בעטראַכט געוואָרען דער כינעזיש-יאַפּאַנישער קאָנפליקט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער לאַגע אין שאַנכאַי. די דאָזיגע לאַגע איז זעהר אַנ'ערנסטע אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס פאַרשידענע מלוכות האָבען דאָרט זייערע אינטערעסען. ס'איז בעשלאָסען געוואָרען אַרויסצוטרעטען מיט אַ נישט-אָפיציעלען [illegible] צו כינא און יאַפּאַן.

די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט האָט געצויגען אויף זיך דער אומשטאַנד, וואָס דער אַמעריקאַנער פאָרשטעהער האָט נישט אַנטיילגענומען אין קיין שום זיצונג, אויף וועלכער ס'איז בעטראַכט געוואָרען דער כינעזיש-יאַפּאַנישער קאָנפליקט.

דער איסלאם וועט פערוואנדעלט ווערען אין דינאמיט

און וועט אויפרייסען די ענגלישע אימפעריע

ערקלערונג פון וולאדימיר זשאבאטינסקי

לאָנדאָן, 26. (יט"א טעלעגראַפיש)) אין דער לאָנדאָנער „ציים”, האָט זשאַבאָטינסקי פאַרעפענטליכט אַנ'ערקלערונג וועגען דעם רעפעראַט אין וואַרשא, וואו ער האָט געזאָגט, אַז די ענגלישע אימפעריע וועט אויפגעריסען ווערען מיט דינאַמיט, ווי בעוואוסט, האָט די דאָזיגע רעדע אַרויסגערופען אַנ'אַלאַרם אין לאָנדאָן. אין זיין בריף שטעלט זשאַבאָטינסקי פעסט, אַז ער האָט נישט געמיינט די יודען נאָר דעם איסלאַם, מיט וועלכען די ענגלענדער פיהרען אַ געפעהרליך שפּיל, דער איסלאַם וועט פערוואַנדעלט ווערען אין דינאַמיט, וואָס וועט אויפרייסען די ענגלישע אימפעריע. אין זיין ערקלערונג ציטירט זשאַבאָטינסקי איינציגע שטעלען פון זיין רעפעראַט און קומט צום אויספיהר, אַז די יודען האָבען שוין אַזאַ שוואַכקייט, אַז נישט קוקענדיג אויף אַלע עוולות וואָס מ'טוט זיי, בעזיצען זיי נישט קיין נקמה-געפיהלען.

ליטווינאוו וועגען נישט-אנגרייפס-אפמאך

וואס ער האט געשלאסען מיט פוילען

מאָסקווע, 26 (ספ. טעל.) „טאַס” האָט היינט שפּעט ביינאַכט פאַרעפענטליכט אַ געשפּרעך מיט ליטווינאָוו'ן, וועלכער רעדט אַרום די לאַגע פון די אינטערהאַנדלונגען וועגען נישט-אַנגרייפס-אָפּמאַך מיט די סאָוויעטישע מערב-שכנים.

ליטווינאָוו דריקט אויס זיין איבערצייגונג, אַז נאָכ'ן אונטערשרייבען דעם אָפּמאַך מיט פּוילען און פינלאַנד וועט ער שוין נישט אָנטרעפען אויף קיין שוועריגקייטען בנוגע עסטלאַנד און לעטלאַנד.

וועגען דעם פּראָיעקט פון אַנ'אָפּמאַך מיט רומעניען איז שוין כמעט פערהאַן אַ פערשטענדיגונג. ביידע צדדים האָבען מסכים געווען אויף אונטערהאַנדלונגען נישט בעריהרענדיג די בעסאַראַבישע פראַגע.

ענגלישע שעהנהייטס-קעניגין

מיס גווין סטאָלער, די ענגלישע שעהנהייטס-קעניגין פאַר'ן יאָהר 1932.

ערב דער מכבי'אדע

די עלימינאציעס-רעזולטאטען צו דער מכבי'אדע

דעם 23 און 24 ד. מ. זענען פאָרגעקומען אין וואַרשאַ די עלימינאַציעס צו דער מכבי'אדע. צו די מייסטערשאַפטען זענען געקומען די ספּאָרטלער פון וואַרשאַ, פלאָצק, סאָסנאָוויעץ, בענדין און ביליץ. די רעפּרעזענטאַנץ-פלעצער האָבען בעקומען (לויט'ן אָרט): טרייסטער, שטייניק, (סאָסנאָוויעץ), גרינבערג און ד"ר גראָבער (וואַרשאַ) ציטרין, טראַכטענהיים (סאָסנאָוויעץ) מלינעק (וואַרשאַ) מעלאַך, באָזשיקאָווסקי (בענדין) און זוסמאַן (וואַרשאַ).

פון פרויען האָט בעקומען דאָס ערשטע אָרט פר. געלבבאַרד (סאָסנאָוויעץ) בערלינער (וואַרשאַ) פינקוס (בענדין) און שיימאַן (ביליץ).

די מייסטערשאַפטען זענען פערענדיגט געוואָרען מיט אַ אימפּאָזאַנטען פעסט אין טעאַטער „נאָוואָשטשי” אין דער אַנוועזענהייט פון מלוכה-פאָרשטעהער פון אינערן-מיניסטעריום, פערשידענע ספּאָרט-פעראיינען און יודישע אינסטיטוציעס. דער פעסט איז געשלאָסען געוואָרען מיט אַ דעפילאַדע און אַ רעדע פון וויצע-פרעזעס פון דעם „מכבי”-עקזעקוטיווע ה' ד"ר לייפּער.

די קאנפערענץ פון לעמבערגער „מכבי”-קרייז

די קאָנפערענץ פון די יודישע ספּאָרט-אָרגאַניזאַציעס פון די לעמבערגער, סטאַניסלאַוואָווער און טאַרנאָפּאָלער קרייזען איז אָפּגעלייגט געוואָרען אויף דעם 31. ד. ח. אין נאָמען פון דעם פּוילישען „מכבי”-פּרעזידיום איז דעלעגירט געוואָרען דער סעקרעטאַר דיקעס.

די ציהונג פון דער פרעמיע אויף א בחנם'דיגע רייזע קיין א"י

דעם 31. יאַנואַר ה. י. 7 אַ זייגער אָווענד קומט פאָר די ציהונג פון דער פרעמיע אויף אַ בחנם'דיגע רייזע קיין א"י צו דער „מכבי'אדע”. די גורל-לעגיטימאַציעס ווערען נאָך פערקויפט ביז דעם 29. יאַנואַר ה. י.

יודיש טעאטער אין „פילהארמאניע”
דירעקציע: ד. צעלמייסטער און א. בעזמאַן.
היינט, מיטוואָך אין פאלקס-טעאטער, זגערזשער 17
כמעט בחנם! אַלע בילעטען אין פּאַרטער 1 זל. באַלקאָן—50 גר.
מיט'ן אָנטייל פון גאַנצען אַנסאַמבל פון פילהאַרמאָניע און קאַמעראַל-טעאַטער
צום 65-טען מאָל די זעהר אויסגעצייכנעטע שפּאַנענדע פּיעסע,
וואָס איז אין לאָדז בעשפּילט געוואָרען מיט אַ ריזען-ערפאָלג
אהארן, וואס בענקט
מיט דעם 8-יעהריגען וואונדער-קינד לאלא אַמזעל.
נאָך דער פאָרשטעלונג אַ פרעהליכער דיווערטיסמענט
מיט'ן אָנטייל: לאלא יאַקובאָוויטש, באַלבירסקי, הערשקאָוויטש, רובינא
דאָס אַלץ פאַר שפּאָט-ביליג פּאַרטער 1 זל. באַלקאָן — 50 גר.
ווער ס'קומט פריהער, בעקומט אַ בעסערען פּלאַץ.
די קאַסע איז אָפען היינט פון 11 פריה אַ גאַנצען טאָג.

לאדזער יודישער קאמעראל-טעאטער
אַלעע 1-טער מאַי 2. דיר.: דוד צעלמייסטער און א. בעזמאַן.
גאסטשפיל פון לאדזער קאמעראל און קליינקונסט-טעאטער „אררט”
קינסטל. אנפ.: מ. בראָדערזאָן.
היינט, מיטוואָך - נור 1 פאָרשטעלונג: אָנהויב 9.45 אָווענד
4-טע וואָך! דאָס גרויסע 24-טע רעקאָרד-פּראָגראַם א. ג. 46-טען מאָל!
מ'לאכט פון דער וועלט
אין 2 טיילן 14 בילדער
טעקסטען: מ. בראָדערזאָן, י. אָבערזשאַנעק, ש. א. לישעל. מוזיק: דוד בייגעלמאַן, מאַק-דזשוועל און פאָלקס-מאָטיוען. דעקאָראַציעס און קאָסטיומען: דינה מאַטיס. רעזשי: ש. דזשיגאַן און י. שומאַכער. בינע-אינספּעקציע: מ. קאָן.
עס בעטייליגען זיך (לויט א"ב): ש. גאָלדשטיין, מרים דאַלסקאַ, ש. דזשיגאַן, שיינע מרים, צילי סטאַל, מ. פעטערמאַן, מ. פּולאַווער, מ. קאָן, י. שומאַכער, י. שיפּער און אַ קינסטל. טאַנץ-קוואַרטעט
די קאַסע איז אָפען פון 6 אַ זייגער אין אָווענד.
אין פּראָבען:
דאָס 25-טע יובילי-פּראָגראַם פון „אררט”

URODONAL

CHATELAINA

Zwalcza
reumatyzm
podagrę
piasek
skierozę

czyści nerki
oczysz. wątrobę
i stawy,
łagodzi arterje
i zwalcza
otyłość

Do nabycia we wszystkich aptekach i skł. apt.
Przedstawicielstwo ul. Fredry 4 Warszawa

Dr. med. STUPEL

Ordynator-Roentgenolog Szpitala Miejskiego

האט בעגינט די אויפנאהמען אין רענטגענאלאגיע אין דער לעטשניצע זגערזשער 17 פון 12—6 נאכמ. זונטאג פון 12 — 2 מיטאג.

אין וועגערישע קראנקהייטען אין דער היים אויף מיעלטשארסקיעגא 12 (שקאלנא) טעל. 118-28 פון 7—9 אווענד, זונטאג פון 4—6 נאכמ.

אונבעמיטעלטע און ארבייטסלאזע בעראטונגען אין דערהיים מיטוואך און זונטאג בחנם.

ENGLISH

פאראנפענגער און פארט-געשריטענע. קאנווערסא-ציע, ליטעראטור צו צוגענגליכע פרייזען ערטיילט א פעהיגער פע-דאגאג. — אפערטען אין אדמיניסטר. פאר „Mir"

---

44 **וויכטיג פאר מחותנים!** 44

קייפט נישט קיין

מעבעל בעפאר איהר איבערצייגט אייך נישט אין מיין מעבעל-געשעפט

Ch. ŁAZNIK

44 גדאנסקא (דלוגא) 44

טעל. 162=56

נאר ביי מיר קענט איהר בעקומען פערש. מעבעל שעהן, גוט און ביליג.

בעמ.: קויף אויך געניצט מעבעל, דיוואנעם א. ז. וו.

44 קומט און איבערציגט אייך! 44

לעטשניצע

פון דאקטוירים - ספעציאליסטען

11 בזשעזשינער 11

טעלעפאן 137=63

ס'נעהמען אן דאקטוירים פון אלע ספעציאליסטען וואלינסקי, זאלצוואסער, לוביטש, סלא-באדסקי, פערשנער, שיפמאן, שמירגעלד, שמערלאווסקי.

ווי אויך וויזיטעס אין שטאט.

עלעקטריזאציע, אנאליזען, דענטיסטישער קאבינעט.

Dr. med. REICHER

פאלודניאווא 28, טעל. 20193

ספעציאל-ארצט פאר מענער-שוועכע-בעהאנדלונג

נעהמט אן פון 8—11 פריה און פון 5—8 אווענד.
זונטאג און יום-טובים פון 9—1 בטאג.

קלאנג-קינא-טעאטער

ZACHĘTA

26 זגערזשער 26

היינט און פאלגענדע טעג!

גרויסער פענאמענאלער פילם, וואס עלעקטריזירט גאנץ לאדז

„מיין זונענע"

וואונדערשעהנע פריהלינגס-אידיליע, חלום פון אן'ארים מעדעל.

אין די הויפט-ראלען:
די ליבלינגען פון דער גאנצער וועלט, די אינפער-געסליכע געליבטע פון „זיבעטען הימעל"

Janet Gaynor i Charles Farrell

אויסער'ן פראגראם: קלאנג-צוגאבע פון „FOX"

נעכסטער פראגראם: „יאנקא מוזיקאנט"

דער זאל איז גוט בעהייצט.
אנהויב אין געוו. טעג 4 נאכמ. שבת, זונטאג 12 בייטאג.

Gimnazjum Męskie

Tow. Szerzenia Oświaty i Wiedzy Techn. wśród Żydów

w Łodzi, Pomorska 46, tel. 106-64

די קאנצעלאריע נעהמט אן איינשרייבונגען פון קאנדידא-טען טעגליך אין די שעה'ען פון 9 ביז 14.

איינטריטס-עקזאמענס וועלען פארקומען אין דער צייט פון 1-טען ביז'ן 5-טען פעברואר ד. י.

די דירעקציע.

Z prawami gimnazjów państwowych

GIMNAZJUM ŻEŃSKIE

E. JASZUNSKIEJ - ZELIGMANOWEJ

POŁUDNIOWA 18, TEL. 168-82

איינשרייבונגען פון קאנדידאטקעס אויפ'ן 2-טען האלב-יאהר נעהמט אן דער סעקרעטאריאט ביז'ן 30-טען יאנואר ד. י. אין די אונטערריכטס-שעה'ן און פון 5—7 אוו.
ביי דער גימנאזיע א פארשולע „Dom Milusińskich" פאר קינדער פון 4 יאהר אן.

Dr. med. Haltrecht

ספעצ.-ארצט פאר הויט און געשלעכטס-קראנקהייטען

נעהמט אן פון 8—9.30 פריה, פון 12.30—1.30 נאכמ. און פון 5 ביז 9 אווענד. זונטאג פון 9 ביז 1 בטאג.

פיעטריקאווער 10, טעל. 245=21

פאר אונבעמיטעלטע — לעטשניצע-פרייזען.
דאמען בעזונדער ווארטע-זאל.

קליינע אנאנסען

1 זלאטי

פאר א אנאנס ביז 15 ווערטער

לאקאלען

א בעקוועהם ארט צום שלאפען פאר צוויי יונגעלייט. — צו ערפאהרען פיעטריקאווער 117, וואוינונג 22. 563

פערשידענעס

א מאדערנעם וואזשק וויל איך קויפען אין גוטען צושטאנד. צו ערפאהרען ביי פיגלאוש, ווסכאדניא 35. 651

א קאראקולענעם דאמען-פאלטען מיט א סקאנס-קראגען פערקויף איך געלעגענהייטליך. — האטעל „מאנטייפעל", זאכאדניא 45, צימער 11. 999

פערלוירען געווארן א זייגער און פערשידענע מעשענע טיילען צו א סאדע-וואסער-מאשין, וואס האט פאר קיינעם קיין שום ווערט נישט. אבצו-ברענגען געגען בעלוינונג אויף ווסכאדניא 58, אין צוקערווארען-געוועלב. 566

א פראנט-צימער (1-טער שטאק) פאר צוויי יונגעלייט אדער פריינס צו פערמיטען. צו ער-פאהרען פילסודסקיעגא 56, וואוינונג 6. 699

א ביר-שענק מיט א וואוינונג איז פון זאפארט איבערצוגעבען, ס'קען אויך זיין פאר אן'אנדערע אונטערנעהמונג אויף גוטע בעדינגונגען. קיליני-סקיעגא 73, א. וויגאדני. 552

צוליב אברייזע איז דא אן'ערשטקלאסיגע רעזורע (א דאמסקע און מענסקע) צו פערקויפען אויף גוטע בעדינגונגען. צו ערפאהרען אין אדמ. פון דער צייטונג. 547

PORADNIA WENEROLOGICZNA

פון דאקטוירים-ספעציאליסטען

זאוואדזקא 1.

נאר פאר וועגערישע הויט=קראנקה. אין מענער-שוועכע אנאליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפער. קאנסיליומס מיט ספעציאליסטען פון אורא-לאגישע און נערווען-קראנקהייטען.

קווארץ-לאמפ. עלעקטרישער הייל-קאבינעט קאסמעטיק.

— — טעטיג פון 8 פריה ביז 9 אווענד. — —
פון 11 ביז 12 ביי טאג און פון 2 ביז 3 נאכמ. נעמט-אן א פרוי-דאקטאר נור קינדער און פרויען
זונטאג פון 9 פריה ביז 2 נאכמיטאג.
— בעזונדער ווארטע-צימער פאר פרויען. —

וויזיט 3 זל.

DOKTOR

H. WOŁKOWYSKI

צעגעלניאנא 4, טעל. 216=90

ספעציאל-ארצט פאר הויט= און וועגערישע קראנקהייטען, מענער = שוועכע, אלע ארט אנאליזען, עלקטראטעראפיע, בעהאנדלונג מיט קווארץ-שטראהלען.

נעמט אן פון 8–2 און פון 5–9 אווענד.
בעזונדער ווארטע-צימער פאר פרויען.

DR. MED. J. LUBICZ

כירורג-ארטאפעד

פאלודניאווא 9, טעל. 183=17

קראנקהייטען פון די ביינער, געלענקען, פערקרימונגען פון די פלייצעס און גלידער

אייגענע פראצאווניע פון זעמטליכע ארטאפעדישע אפאראטען ווי: וקלאדקעס אויף פלאטפוסען, קינסטליכע הענד און פיס, גארסעטען א. ז. וו.

נעהמט אן פון 2.30 ביז 4.30 נאכמיטאג.

מאשין-לעכער

ווערען אנגענומען אויסצונייען ביי
ג. נארדמאן, שרודמיעסקא 8

זיכערע הילף און א רפואה

אהן א אפעראציע, אן בלוט, אהן א מעסער און אהן בלוט-פערגיס-טונג פאר קראנקע אויף קילעס פאר מענער ווייבער און קינדער.
פערשידענע קאליקעס אין גוף פאר הויקערס און פיס





פערלאזט אייך נישט, ווייל דער ווינקעל-בראך ווערט גרוים אזוי ווי א מענשען-קאפ, אדער אזוי ווי א וואסער-קאן און עס פאלט אריין אין דעם כוס און דער קראנקער איז אין א גרויסער סכנה דורך פערדרייען די קישקעס ווערט ער בארגרונג און שטארבליך. ספעציעל גומענע הייל-באנדאזשען אויסגעצייכנעט גוט דורך גרויסע פראפעסארען מיט מיינע בעהאנדלונג און פון דעמסטען פראפעסאר דאקטאר בראכורעאהונג בעזאמטונגען זיכער דעם א מענטשן און בעפעהרליכסטע ברוך. אויך פאר הויקערס דעמונגען מיט הייל-גארסעטען און אפאראטען פאר פערקרומטע פוס און פלאטס-פוס ספעציעלע איינלאגען אין די שיך. קינסטליכע גומענע פיס און הענד, גומענע זאקען, פאר די גרעסטע קראנקע אדערן. עמפפאנגט פון 9 ביז 1 בטאג און פון 3 ביז 7 אין אווענד.

ארטאפעדישע אנשטאלט

Specialist J. RAPAPORT, Ortoped

von Lemberg Łódź, WOLCZANSKA 10,
tel. 221-77, front, parter.

בעמערקונג: דאס פערזענליכע ערשיינען פון די קראנקע איז אונבעדינגט נויטיג. דיפלאמען האבען אויסגעשטעלט פאלגענדע אוניווערזיטעטס-פראפעסארען: פראפ. ד"ר באראנטש, פראפ. דר. י. מארישלער, פראפ. ד"ר בר. קיעלאנאווסקי און אויך אנדערע.
מיר נעהמען אויך אן טרוזיבערטע פון דער קראנקען-קאסע.

דאנקזאגונג.

אויף דעם וועג דרוק איך אוים מיין הערצליכסטען דאנק דעם גרויסען ספעציאליסט דעם ה' דיר. י. ראפאפארט, וואוינהאפט אויף וואלטשאנסקא 10 (פראנט פארטער) פאר זיין אויסקורירען מיך פון א ברוך, אויף וועלכען איך האב געליטען זייט א לענגערער צייט.
מאיר גערשענאוויטש, לאדז, ווסכאדניא 6.

Dr. med. NIEWIAŻSKI

ספעציאליסט פאר סיפיליס, טריפער און הויט-קראנקהייטען, בעהאנדלונג פון מענער-שוועכע

אנדזשעיא 5, טעל. 159-40

נעמט אן פון 8–11 און פון 5–9 אוו.
זונטאג און יום-טוב פון 9–1 פארמ.
בעזונדערער ווארטע-זאל פאר פרויען.

„SANATO"

כירורגיש=וועכנעריז-אנשטאלט

אגראדאווא 10, טעל. 213-57

1-טע און 2-טע קלאס

גינעקאלאגיש-וועכנעריז-אבטיילונג

ד"ר מעד. ש. איינער. ד"ר מעד. י. בוים, ד"ר מעד רייטלער=קוריאנסקא ד"ר מעד. וו. אייכנער

פרייז פון א געבורט

אין 2-טען קלאס צוזאמען מיט פערהיטונגס-מיטלען

200 זל.

אויפזיכט איבערן קינד ד"ר מעד. י. פאלאאקוו
כירורגישע אפטיילונג פון ד"ר מעד. מ. קאנטאר

Dr. med.

H. LUBICZ

ספעציאליסט פאר הויט-, וועגערישע און געשלעכטס-קראנקהייטען

צוריקגעקעהרט

צעגעלניאנא 7 (פריהער 43) טעל. 141-32
עמפאנגס-שעה'ן 8 – 10, 12 – 2 און 5 – 8, זונטאג אין יו"ט 9–1. פאר דאמען בעזונדערער ווארטע-זאל.

Dr. med.

W. Eychner

אקושעריע און פרויען=קראנקהייטען

וואוינט איצט 4 צעגעלניאנא 4

(נעבן קינא „טשארי") טעל. 134=72
נעהמט אן פון 2½ – 4 און פון 7 – 8 אווענד.

Dr. Z. Rakowski

ספעציאליסט פאר אויערן-, נאז-, האלז- און לונגען-קראנקהייטען

11-טעז ליסטאפאד 9

קאנסטאנטינער טעלעפאן 127-81
פארלבשטונגדען פון 12—2 און פון 5—7. נעמט אויך אן אין לעטשניצע זגערזשער 17 פון 10 — 11 און פון 2 – 3

אבאנעמענטס-פרייז: אין לאדז — 5 זל. א חודש מיט צושטעלען א היים; אויף דער פראווינץ 5-8 א חודש אין אויסלאנד — 8 זל.
פאר'ן אינהאלט און טערמינען די אנאנסען איז דער פערלאג נישט פעראנטווארטליך, די אדמיניסטראציע איז אפען בייטאג און ביינאכט.

אנאנסען-פרייז
פאר'ן טעקסט—18 גר. פרייטאג און ערב יו"ט—24 גר. אין דער ריים 8 שפאלטען
אין טעקסט—40 . . . . 60— 4
נאכ'ן טעקסט—12 . . . . 18— 8
[illegible] 50 פראצ. טייערער. אינטל. 100 פראצ. טייערער. מעלדונגען—10 גר. א ווארט

Wydawnictwo „Najer Folksblat", sp. z o. o. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Zilberberg.
Czcionkami i druk. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21
Redaktor odpowiedzialny Ch. [illegible]